# קול סאטמאר

## אויסגאבע פון תלמידי וחסידי סאטמאר

• אלול תשס"ט •

# אביסעלע טינט פון א קליינעם פעדער



בעזרת ה' יתברך

בדבר המריבות אשר בקהילתנו "קהל ישב לב" בוויליאמסבורג, צד א' העומד בראשות הרה"ח מו"ה יעקב בהנא נ"י, והרה"ח מו"ה שאול פערלשטיין נ"י, והרה"ח מו"ה שלמה זלמן סאנדער נ"י, וצד ב' העומד בראשות הרה"ח מו"ה בערל פריעדמאן נ"י, והרה"ח מו"ה שמואל אבערלאנדער נ"י והרה"ח מו"ה יצחק ראזענבערג נ"י, ושני הצדדים מתאמרי לקרוא עצמן ולדבר בשם "קהל ישב לב דסאטמאר", וצד ב' הזמינו לדין תורה את צד הא', ולאחר שלא נענו להזמנות הגישו הדבר לערכאות היות שצד א' החזיקו בכל נכסי הקהל ומוסדותיה.

ולמען השלום הסכימו שני הצדדים לחלק כל נכסי הקהל ומוסדות החינוך תורה ויראה ובית רחל והמשתייכים להם שבעיר וויליאמסבורג לשני הצדדים, ולהתדיין אצל בית דין המרוצה לשני צדדים על סדר ואופן החלוקה (לפי הזכותים של הצדדים כפי אשר יושת הבית"ץ המרוצה לשני הצדדים), זאת אומרת לייסד קהל א' מפורדת עצמאית שבראשו יעמדו ראשי הקהלה של צד הא' הנ"ל בראשות הגה"צ מוה"ר ר' יקותיאל יהודה טייטלבוים שליט"א, וקהלה ב' מפורדת עצמאית שבראשו יעמדו הראשי הקהלה של הצד השני הנ"ל, באופן ששום קהלה לא יהיה לה שום טענה ומענה או תביעה על קהל השני, ואופן והתנאי ומדת החלוקה יהיה כפי אשר יפסוק בי"ד המרוצה לשני הצדדים כנ"ל.

על כן אנו הפארשטאנד של ב' הצדדים החתומים מטה מצהירים בזה הסכמתינו להנ"ל.

גם מקבלים על עצמן באי כח של צד השני החתומים מטה ומצהירים בזה שאם צד הא' (דהיינו באי כח הקהלה והמוסדות) יחתמו שטרי בירורין לדון עמנו בבי"ד המרוצה לשני הצדדים אודות תביעתנו בנכסי קהל ישב לב דסאטמאר בוויליאמסבורג עם כל מוסדותיה המשתייכים לה, כולל ישיבה תורה ויראה ובית רחל וסניפיה. אז נפסיק את תביעתנו בערכאות של עכו"ם שהגשנו. באופן אשר יורו לנו הבי"ד, ונאשר ונקיים במילואו את כל אשר יפסיקו הבי"ד המרוצה לשנינו ככתיב ועשית ככל אשר יורוך, והסכמנו שחלוקה זו יהיה לה תוקף עד עולם (לכל צד לו ולזרעו אחריו), ולא יוכל שום אדם מסוף העולם ועד סופו לערער על זה, וכל מי שיוכל להיות לו טו"מ על חלוקה זו גם הוא יחתום על שטרי בירורין הנ"ל כדי שיהיה לו תוקף אצל הממשלה.

הסכם זה יקבל תוקף רק אם ב' הצדדים הנ"ל יחתמו שטר זה וימסרו הכתב עם החתימות לצד השני קודם שיצא הפסק בערכאות, ולא יאוחר מסוף חודש שבט, ואם לאו הסכם הנ"ל בטל ומבוטל ואין לו תוקף.

החל מחתימת הסכם זה ע"י ב' הצדדים יפרסמו הצדדים ברבים שבאו לידי עמק השוה, ויעשו כל מה שביכלתם להשכין שלום במחנינו, עוד זאת שמעת החתימה עד גמר הפסק דין לא יקופח כח של שני הצדדים . ועל הבי"ד מתחילה לעשות סדר ששני הצדדים יהיו מיוצגים בתוך הקהלה ומוסדותיה עד שיצא פסק דין מאתם, והכל כפי ראות עיני הבי"ד.

בערל פריעדמאן | שמואל אבערלענדער | יצחק ראזעבערג

יעקב בהנא | שאול פערלשטיין | שלמה זלמן סאנדער

בס"ד

כתב השלשה

אני החתום מטה מאשר בזה שקבלתי כתב עם חתימות מר' יצחק ראזנבערג נ"י, ור' שמואל אבערלענדער נ"י, ור' בערל פריעדמאן נ"י וקבלתי על עצמי שלא למסור כתב הזה לשום אדם שבעולם בלי שום יוצא מהכלל, אמנם קבלתי רשות אך ורק להראותו בתנאי שלא יצא מתחת ידי ומחוייב אני להחזירו לר' יצחק ראזנבערג נ"י לא יאוחר מסוף חודש שבט בלי שום דיחוי.

הרב ר' ישראל דוד הארפענעס



# ;$50,000 ;$10,000 ;$8,000
# אָדער גאָר $100,000?

דורכאויס דעם טאג פארגאנגענעם דאנערשטאג, ווען די כת האט געזען אז ס׳איז כלתה עליהם הרעה, מ׳איז געדריקט צום וואנט זיך צו ברעכן צו דין תורה, האט מען אנגעהויבן זינגען ניגוני שקר, יעדע וויילע מיט אן אנדערן טאן. ווען דאס ערשטע איז געווארן אפגעווארפן איז באלד אונטערגעקומען א פרישע.

צוערשט, באלד אינדערפרי, ווען זיי האבן געהערט די החלטה פון די חברה קדישא, האט מען ארויסגעלאזט א טענה, ״ער איז אן אויסגעצאלטער מעמבער, פארוואס בעט מען אים פאר די קרקע?״. ווען אין פאקט איז דאס נישט ריכטיג, ווייל דער סדר איז די חברה קדישא איז אז אפילו א ״אויסגעצאלטער מעמבער״, אויב מ׳האט נישט איינגעקויפט קרקע מחיים אין קרית יואל, איז אויך נאר בארעכטיגט צו קבורה אין ביה״ח אין ניו דזשורסי.

ווען דאס האט נישט געווירקט, די חברה קדישא האט זיך פעסט געהאלטן אלס אחריות הציבור אז בלויז אויב ס׳וועט דא נתקדש ווערן שם שמים דורך אונטערשרייבן שטרי בירורין, אדער אפילו אן התחייבות דאס צו טוהן ביז 30 טעג, וועט מען מטמין זיין עמיצן וואס לויט זיין רעקארד איז ער בכלל נישט קיין מעמבער אין די קהלה, האבן זיי זיך דערזען מיט א פראבלעם, וואס זאגט מען צו פיטערן די אינגעלעך.

מ׳האט זיך געגעבן עצה, מ׳האט באלד אנגעהויבן שפינען א קייט פון לגיונות, קודם אז מ׳בעט פאר די קבורה אליינס דעם סכום פון $50,000, ווען מ׳האט געזען אז דער ליגנט ארבעט נישט, האט מען ארויסגעלאזט קלאנגען אז מ׳פאדערט ״קנס-געלט״ דעם סכום פון $50,000, ביז דעם פרעכן שקר אז מ׳פארלאנגט $50,000 צו פארסירן שטרי בירורין, ווען אין פאקט האט מען בלויז געפאדערט א התחייבות אלס פארזיכערונג אז דער פאטער פונעם בר מינן זאל חתמ׳נען שטרי בירורין.

ווען מ׳האט געזען אז אויך דאס ארבעט נישט, דער ציבור פארשטייט זייער גוט און גיבט דאס גערעכט, האט מען געדאפעלט דעם שקר-סכום, און זייער אדוואקאט האט דאנערשטאג נאכט, שוין נאך די קבורה אפגעשריבן א גאנצן בריוו פארן אדוואקאט פון די קהלה, וואו ער ברייטערט אויס דעם שקר אז מ׳פאדערט גאר דעם סכום פון $100,000, פארן קרקע זעלבסט (זעה בייגעלייגט פאטאסטאט).

דער בריוו איז בנוסף צום אימעיל (זעה זייט 9) וואס איז געשיקט געווארן בשעה 3:17 נאכמיטאג, ווען צו די זעלבע צייט האט מען שוין געהאט געמאלדן דעם קידוש ביה״ח אויף ״פּאָללאַק׳ס לאַט״ אויף 3:00 נאכמיטאג.

שקר אין לו רגלים.

RIDER, WEINER & FRANKEL, P.C.
ATTORNEYS & COUNSELLORS AT LAW

655 LITTLE BRITAIN ROAD
NEW WINDSOR, NEW YORK 12553

(MAILING ADDRESS:)
POST OFFICE BOX 2280
NEWBURGH, NEW YORK 12550
TEL. (845) 562-9100
FAX (845) 562-9126

DAVID L. RIDER
CHARLES E. FRANKEL
MICHAEL J. MATSLER
MAUREEN CRUSH
MARK C. TAYLOR
RODERICK E. DE RAMON
DONNA M. BADURA
M. JUSTIN RIDER (NY AND FL)
SHAY A. HUMPHREY
JEFFREY S.E. SCULLEY (NY AND IL)
DARREN H. FAIRLIE
SARITA BHANDARKAR
VIKAS VARMA (NY AND INDIA)

M.J. RIDER (1906-1966)
ELLIOTT M. WEINER (1915-1990)

STEPHEN P. DUGGAN, III
BRUCE C. DUNN, SR.
COUNSEL

CRAIG F. SIMON
OF COUNSEL

firm@riderweiner.com
www.riderweiner.com

August 20, 2009

BY FAX AT (845) 565-1999

Steven Millgram, Esq.
Joseph Catania, Esq.
Richard M. Mahon, Esq.
Brud Rossman, Esq.
Tarshis, Catania, Liberth Mahon & Milligram PLLC
One Corwin Court
Newburgh, NY 12550

Re: Burial Today in Kiryas Joel Cemetery

Dear Counsel:

Earlier today, I called your office seeking to speak to Richard Mahon regarding an urgent matter. Mr. Sol Pearlstein's son died suddenly and unexpectedly this morning, leaving a widow and eleven children. As you know, under Orthodox Jewish religious practice, the deceased must be buried on the date of death. Sol Perlstein is one of the most prominent members of Congregation Yetev Lev D'Satmar, who was very close to the late Satmar Grand Rebbe Moses Teitelbaum.

I was shocked to learn that when the father-in-law of the deceased, Mr. Joseph Strulowitz, spoke this morning to your clients to arrange for burial of Mr. Perlstein's son in the Kiryas Joel cemetery, he was told that Mr. Perlstein's son would not be buried in the cemetery unless the Perlstein family paid the exorbitant sum of $100,000, and Sol Perlstein signed an agreement to arbitrate unspecified disputes before a rabbinical court.

When I called your office I was told Richard was unavailable, and discussed this appalling situation with Mr. Rossman. Mr. Rossman told me he would try to reach Richard Mahon and get back to me as soon as possible with your client's position. I called Mr. Rossman and left messages about 45 minutes later. Shortly thereafter, Mr. Rossman called and said that Messrs. Milligram and Catania would join the call on speakerphone. Steve asked me to find out what Sol Perlstein would offer in order for his son to be buried in the Kiryas Joel Cemetery. I e-mailed you at 3:17 p.m., reiterating

RIDER, WEINER & FRANKEL, P.C.

what I was told were your clients' demands, and asking you to specify if that was what your clients wanted, or whether they wanted something different, and if so, to please tell me what it was--as soon as possible, given the urgency of the situation.

About one hour later, Mr.Milligram e-mailed me saying that he couldn't confirm anything I had stated, but that his clients want Mr. Pearlstein's family to "deal directly with [the] burial society." I responded at 4:57 p.m., pointing out that your clients include those who purport to act as the burial society. After Mr. Milligram expressly said, just a couple of hours earlier, that your clients wanted to know what Mr. Perlstein's family would offer in order to bury their dead, you cannot in good conscience disengage and say I should call directly what you deem to be the "burial society," who are your clients (such as Mr. Ekstein). The reason I contacted your office in the first place was that when the deceased's family contacted those claiming to act for the burial society, they received the outrageous ultimatum that I had described to Mr. Rossman earlier and in my 3:17 p.m. e-mail.

Sol Perlstein was one of the parties who won summary judgment in the Appellate Division in July 2006 to reverse the improper January 2001 transfer of one-half of Congregation Yetev Lev D'Satmar Inc.'s interest in the Kiryas Joel cemetery property, a ruling that was upheld by the Court of Appeals in November 2007. It is simply unconscionable that your clients have interfered with a burial in this heart-wrenching situation and have caused such excessive pain and grief to an already grieving family at this most sensitive time. I hoped that as professionals we could have determined a resolution in this instance, and that your client out of simple decency, would have refrained from such selfish and disrespectful conduct.

The leadership dispute should not have been interjected into this most tragic situation.

Very truly yours,

Bruce C. Dunn, Sr.

# די קלאָרע שטעלונג פון די חברה קדישא

**– דאנערשטאג פר' שופטים, א' דר"ח אלול תשס"ט –**

זיך רעכענענדיג מיט די ביטערע טראגעדיע וואס האט באטראפן קרית יואל, ווען ס'איז פלוצלונג נעדר געווארן איינער פון די תושבים, א בעל חסד ולב טוב ע"ה, איבערלאזנדיג א צובראכענע אלמנה און צען יתומים, האט די הנהלת הקהלה באשלאסן, אז טראץ דעם וואס:

**1. ער האט עטליכע יאר שוין נישט באצאלט קיין מעמבערשיפ פאר די קהלה, און נישט געקויפט קיין קרקע מחיים צו קענען נקבר ווערן אין קרית יואל, (וואס אפילו פאר אויסגעצאלטע מעמבער איז די 'אויטאמאטישער בארעכטיגונג' נאר דער זכות קבורה אין ביה"ח אין ניו דזשורסי);**

**2. ער האט באלאנגט אין גרינדונג פון די הירוס-קהלה "ויואל משה" וואס פאלגט נאך די גע'אסור'טע קהלה "בני יואל" (וועלכע פארמאגן אן אייגענעם ביה"ח) און זענען עושים ומעשים קעגן דעם רוחניות'דיגן סמכות און הנהגה פון די הייליגע שטאט מיסודו פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, בראשות פונעם מרא דאתרא כ"ק מרן רבינו שליט"א;**

**3. בלויז מיט צוויי טאג פריער האט מען מרחיב געווען דעם הירוס פון "קהל ויואל משה", מיטן קורא שם זיין "קהל יטב לב ד'סאטמאר קרית יואל", און אים באשטימט אלס אקטיווער חבר הנהלת הקהלה, וואס מיט דעם אליינס האט ער זיך אויסגעשלאסן און לויט די שטאטוטן פארלוירן דעם זכות חבר פון די קהלה קעגן וועלכן ער האט געטוהן בפעולה בעצה ובמעש.**

דאך, "לפנים משורת הדין", אויב ס'קען דורך די ביטערע טראגעדיע ארויסקומען א מעכטיגן קידוש ה', דורך די קהלה וואס איז דער אחראי אויף די חילול שם שמים ואש המחלוקת וואס פלאקערט שוין צען יאר בלי הרף און איז מכלה מנפש ועד בשר, ובפרט דורך די שענדליכע קלאגע בערכאות של עכו"ם שלא ברשות בי"ד והזמנה לדין תורה, קעגן בית החיים דקרית יואל, מקום חלקת מחוקק ספון פון רבותיה"ק הק' זי"ע, ווי אויך זיין פאטער דער "וויצע פרעזידענט", וועלן זיך מחייב זיין דורך א פארזיכערונג אונטערצושרייבן שטרי בירורין ביי די הרכב בי"ד זבל"א וועלכע זענען שוין דן אויף די מוסדות הק' אין ב"פ, וועט מען:

**1. באהאנדלען דעם נפטר ע"ה ווי א פולשטענדיגער מעמבער אין די קהלה;**

**2. אים מטמין זיין אין ביה"ח אין קרית יואל;**

**3. רעכענען בלויז דעם געווענליכן פרייז פאר מקום קבורה;**

**4. און אפילו אן אמנעסטיע אפצושיבן די חתימה אויף שטרי בירורין ביי סיי וועלכע זבל"א, ביז א טערמין פון 30 טאג און נישט תיכף ומיד. – זייענדיג זיכער אז מיט דעם וועט מען אפשטעלן די מחלוקה און אש המחלוקת, ובעיקר די הליכה לערכאות של עכו"ם שלא ברשות בי"ד.**

ליידער ליידער טראץ די הסכמה פון חברא קדישא, איז אבער דער נפטר ע"ה נישט געקומען לקבורה אין בית החיים דקהלתינו הק', במחיצת משפחתו ומקום מנוחת קדשם של רבותה"ק מסאטמאר זי"ע, און צוליב אן עקשנות פון נישט נאכגעבן דעם קליינעם פארלאנג פון מסכים זיין זיך צו שטעלן צו דין תורה, האבן זיי ליידער בשאט נפש גורם געווען א בזיון המת רח"ל.

**והמקום ירחם עלינו, ויקיצו וירננו שוכני עפר בב"א**

# לפנים משורת הדין

## "דברים כהווייתן" פון יום ה' פר' שופטים, א דר"ח אלול תשס"ט לפ"ק

דאנערשטאג אינדערפרי ווען דער ציבור האט געהערט פון די ביטערע טראגעדיע וואס האט באטראפן א חשובע משפחה אין קרית יואל, אז ס'איז נפטר געווארן א חשובער אינגערמאן א בן תורה ובעל חסד ולב טוב ע"ה מיקירי קרתא דשופריא, איז דער פאטער פונעם נפטר ע"ה געוועזן אויפן פליגער אויף זיין וועג פון ארגענטינא קיין אמעריקא. משפחת סטרולאוויטש הי"ו האבן זיך דעריבער געווענדן צו די ראשי חברה קדישא, מיט דעם שרעקליכן פאל פון דעם נפטר ע"ה.

די חברה קדישא האבן באלד ארגאניזירט א זיצונג, מיט גרויס ווייטאג און צער נאך אזא ביטערע טראגעדיע, וואו מ'האט באלד מחליט געווען אז מ'וועט געבן פאר דעם נפטר ע"ה א פלאץ צו קומען למנוחה נכונה אין בית החיים אין קרית יואל. ווי באלד ערקלערט.

ביי דעם זיצונג האבן די חברה קדישא געהאט פאר זיך די פאלגענדע פאקטן:

- דעם שינוי השם פון "קהל ויואל משה" צו "קהל יטב לב ד'סאטמאר", מהרס צו זיין די הייליגע קהלה פון רבינו הק' זי"ע, וואו דער נפטר ע"ה איז געווען אן אקטיווער פירער, און פון די טובי הקהילה (זעה בייגעלייגט דאקומענט אויף זייט 7) וואס מיט דעם האבן זיך די אלע אויסגעשלאסן פון זיין א מעמבער אין די ערליכע קהלה.

- דער פאקט אז דער "אויטאמאטישער מקום קבורה", אפילו פאר מעמבערס, איז נישט אינעם בית החיים אין קרית יואל. אן אויסגעצאלטער מעמבער האט א פרייען זכות קבורה נאר אין ביה"ח דקהלתינו הק' אין ניו זשורסי. (זעה בייגעלייגט בריוו וואס קהל האט ארויסגעשיקט מיט העכער א יאר צוריק, און אזוי איז געווען דער סדר אין די לעצטע דרייסיג יאר).

- די ביטערע היסטאריע פון זיין פאטער, דער באקאנטער חצוף ודורש דרשות של דופי, וועלכער איז פון די סאמע ראשי כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני.

- דער חילול ה' גדול ונורא פון גאנצע צען יאר השתמטות מדין תורה והליכה לערכאות בכלליות אין די קהלה קדושה.

- די תביעה בערכאות שלא ברשות בי"ד אויפן בית החיים אין קרית יואל, מקום מנוחת קדשם וחלקת מחוקק ספון פון רבותינו הקדושים מרן בעל דברי יואל זי"ע ומרן בעל ברך משה זי"ע, וואס דורך זיינע פעולות ווערן מנוחת קדשם ליידער פארשוועכט.

- די מיליאנען דאללארן וואס גייען אוועק פאר אדוואקאטן, זיך צו פארטיידיגן אין געריכט קעגן די שענדליכע קלאגעס און מלשינות.

- די הונדערטער מיליאנען דאללערן אין ווערד בנינים וואס זיי האבן בא'גנב'עט דעם ערליכן ציבור, תלמידי וחסידי סאטמאר.

- די צענדליגער טויזנטער דאללארן וואס מ'דארף – אדאנק זייער השתמטות מדין תורה – צאלן פאר ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר וויליאמסבורג.

דער נארמאלער שכל און פארשטאנד, אז א טאטע וועט רחמנות האבן אויף א קינד אין צייט פון א טראגעדיע ביום ראש חודש אלול, יעדער בר דעת האט פארשטאנען אז די טראגעדיע איז א געלעגנהייט אז ער וועט מסכים זיין זיך צוצושטעלן צו דין תורה, ובפרט ווען ער הערט אז אין דעם איז געווענדן דער מקום קבורה פון זיין נאנטן.

אט די אלע פאקטן זענען געשטעלט געווארן פאר די ראשי החברה קדישא אויפן טיש, וואס פון דעם אלעס האט זיך ארויסגעשטעלט די פאלגענדע מסקנא:

אפילועראיזיאגעוועןאן"אויסגעצאלטער מעמבער", איז ער אויך נאר בארעכטיגט צו א מקום קבורה אין ביה"ח אין ניו דזשורסי, און נישט אין קרית יואל.

ס'איז קלאר אז צוליב זיין התנהגות כלפי די הנהגת הקהלה והמוסדות, איז ער געווען אין כלל פון "ארבעטן קעגן די אינטערעסן פון די קהלה", און לויט די שטאטוטן האט ער קלאר פארלוירן זיין זכות חבר בקהלתינו הק'.

אבער די ראשי הקהלה והנהלת החברה קדישא וועלכע זענען שלוחי ציבור, און זענען מחויב צו טון אלעס וואס מעגליך צו ראטעווען די נכסי ציבור, אויב זיי שפירן אז עס איז דא א געלעגנהייט צו ברענגען די זאך צו דין תורה, האבן בכובד ראש דן געווען אויב מ'זאל דא פארקוקן פון די געוועהנליכע מאסנאמען, אויב ס'קען ארויסקומען א כלליות'דיגע טובה און תועלת פאר די קהלה.

די ערוועלטע ראשי הקהלה והנהלת חברה קדישא האבן אנגעפרעגט בדעת תורתם פון הרבנים הגאוה"צ רבני ודייני קהלתינו הק' שליט"א ברחבי ניו יארק, און נאך א לענגערן דיון האט מען מחליט געווען אוועקצולייגן די אייגענע געפילן און פרובירן אויסצונוצן די אונטערגעקומענע געלעגנהייט, כדי גורם צו זיין דעם גרעסטן קידוש ה' אין אונזער תקופה, און מוציא זיין דעם סכסוך מערכאות של עכו"ם.

דאס אלעס איז קלאר געווען בלויז "לפנים משורת הדין", מיט די האפענונג אז זיין קבורה אין בית החיים אין קרית יואל וועט קענען גורם זיין אן אפשטעל צו אלע הימל-שרייענדע גניבות וגזילות וחמסנות פון די לעצטע יארן, דורך דעם וואס זיין פאטער, דער סאמע שפיץ פונעם כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני, וועט זיך מתחייב זיין אונטערצושרייבן אויף שטרי בירורין ביז דרייסיג טעג ביי א בי"ד של זבל"א, וועט מען באשטעטיגן זיין קבורה אינעם הייליגן בית החיים דקהלתינו הקדושה, טראץ זיין מיטגליד'שאפט און זיין אקטיווע פאזיציע אין די הירוס קהלה.

איבער'ן טאג ווען די פארהאנדלונגען זענען פארגעקומען, האבן די ראשי הקהלה וחברה קדישא זיך געבעטן צום ראש הכת דער אבי הנפטר, לאמיר זיך אויפהערן שלאגן, לאמיר אויפהערן צו שווענדן מיליאנען דאללערן אידיש געלט, מיר בעטן נישט אז מ'זאל "אויפגעבן די תביעות", נאר אז אלע תביעות און טענות זאל מען פארלייגן פארנט פון א אידישן בית דין, דורך א כתב התחייבות אז ביז צו די שלשים וועט מען אונטערשרייבן שטרי בירורין.

מ'האט בלויז געבעטן א קליינע, פארשטענדליכע בקשה. "שלעפט ארויס דעם מקום מנוחת קודש פון רבותינו הק' זי"ע, פון גוי'שן געריכט"!

אין קורצן: מיטן פארלאנגן שטרי בירורין האט מען נישט געוואלט "אפטוהן", כלשונם, נאר "אויפטוהן"! מ'האט געוואלט ברענגען דעם אש המחלוקת צו אן אפשטעל.

אין איין ווארט: מ'האט אים בלויז געבעטן "אביסעלע טינט" אויף שטרי בירורין, צו פארמיידן די אלע עווענטועלע בזיונות פארן נפטר ע"ה. און כדי צו געבן דעם געפאדערטן תביעה א תוקף און פארזיכערונג, ער זאל מוזן זיין עומד בדיבורו, און נישט כדרכו זיך משתמט זיין, האט מען פארגעשלאגן עטליכע אפציעס אלס פארזיכערונג אז דער פאטער פונעם נפטר ע"ה זאל חתמ'נען שטרי בירורין.

די חשובע שוויגער עלטערן למשפחת סטרולאוויטש הי"ו, און אזוי אויך די ערשיטערטע אלמנה שתחי', האבן באלד פארשטאנען דעם שכל'דיגן פארלאנג און צוגעשטימט דערצו, האפנדיג אז מיט דעם וועט מען דורכפירן די קבורה פונעם נפטר כדת וכדין, ווי נאר זייער

# לפנים משורת הדין

"דברים כהווייתן" פון יום ה' פר' שופטים, א דר"ח אלול תשס"ט לפ"ק

מחותן, דער פאטער פונעם נפטר, וועט זיך אומקערן פון ארגענטינא און וועט אויך נאכקומען דעם פארלאנג פון די ערליכע קהלה.

## וואס האט זיך אין די זעלבע צייט אפגעשפילט ביים צד שכנגד?

אויף 9 העיס קאורט אין קרית יואל, האט געזשומעט מיט ערשיטערטע פערזאנען, און פול מיט פלענער וויאזוי אומצוגיין מיט די שווערע סיטואציע.

פון איין זייט האט דער פארטיי געצויגן צו באנייען דעם ביה"ח אויף "פאַללאַק'ס לאַט", נישט וויסנדיג ווער ס'וועט וועלן זיין דער ערשטער דארט צו ליגן, און יעצט ביי אזא געלעגנהייט איז א שאד דאס נישט צו פארנוצן, און דערצו שלאגן קאפיטאל מיט בלבולים און שקרים אויף די ערליכע חברי חברה קדישא.

מאנכע האבן געשריגן אז די אלמנה זעלבסט זאל שיקן אן הזמנה אויף א באלדיגן מושב בית דין, צום בי"ד מכון להוראה אין מאנסי, בלויז אויף די קבורה, נישט אויפן גאנצן סכסוך.

פון די אנדערע זייט איז נאך קרום דער בארג, די טראגעדיע איז איום ונורא אנצוהייבן א בית החיים אויף אזא אופן, דער אוהל קודש הקדשים וועט בלייבן קדוש ומקודש עד ביאת הגואל, און די בזיונות וועלן זיין לאין ערוך.

עטליכע אנוועזנדע פון וויליאמסבורג, זייענדיג אונטערן רושם פון די אויסגעטריקנטע קאסע פון זייער קהלה, די מעמבערשיפ איז דראסטיש געפאלן ביז צו א מינימום, און די דעמאראליזאציע איז דראסטיש געשטיגן ביז צו א מאקסימום, נאכדעם וואס מ'איז ארויף צום ציון הקדוש ביומא דהילולא כ"ו אב און מ'האט זיך איבערציינגט אז "אלעס בלייבט ביים אלטן", יש לנו אב זקן, דער הייליגער רבי זי"ע און זיין ציון הקדוש ליגט אונטערן בעלות פון די ערליכע הנהלת קהל יטב לב ד'סאטמאר.

די האבן געטריבן און געשריגן, "שוין עפענען א נייעם בית החיים", לאמיר נאך ראטעווען דעם "אלול סעזאן", וואס איז די צייט פון יעדע קהלה צו קאסירן דמי חבר מעמבערשיפ און פארקויפן זיצן, און אינאיינוועגס צו הייבן אביסל דעם מאראל, און דעם אנוועזנהייט פון ציבור צו די תפלות בימים נוראים הבעל"ט, צו דעם טישן-אנגעפילטע בית המדרש אויף ראדני סטריט.

די אנדערע האבן גע'טענה'עט א לאגישע דערהער וואס איז מער פון אלעמען: מ'האט שוין פון פריער געהאט באשטימט דעם קומענדיגן יום א' סליחות אלס דער טאג פון א גרויסע "פאנדרעיזינג פייערונג" צו קויפן דעם נייעם בית החיים, מיטן חשבון צו קענען פארקויפן ביליגע חלקה'ס כדי צו ציען קונדן, דארף דער שטח אויף "פאַללאַק'ס לאַט" ווערן אויסגעצאלט מיט נדבות פון עשירים וגבירים. – און אויב מ'וועט שוין יעצט באנייען דעם בית החיים, און דער בית החיים איז שוין "אפגעקויפט", וועט צושטערט ווערן דער גאנצער פאנדרעיזינג פלאן, כמובן.

א כאאס איז אנטשטאנען ווען ס'איז אויפגעברענגט געווארן דער חשש אז א נייער בית החיים, וואס באצייכנט דעם פאקט פון "זיך אפגעטיילט" און ס'איז נישטא מער די טענה אז מ'בלייבט ליגן כדומן על פני השדה, וועט שטארק שאטן אין זייערע געריכטליכע פראצעדורן צו גזל'ען דעם יעצטיגן בית החיים. ובפרט ווען "פאַללאַק'ס לאַט" באלאנגט צו א חברה וועלכע באנוצן זיך אויך מיט דעם גע'גנב'טן נאמען "קהל יטב לב ד'סאטמאר – קרית יואל".

די אלע צעגערייען און טענות האבן זיך געצויגן אויף א לאנגע צייט, זה אומר בכה וזה אומר בכה, דער מנהיג פונעם כת, וועלכער האט זיך שוין דארט געפינען זינט ערב שבת ראה, און דערצווישן אויפגעטוהן גדולות ונצורות פון טוישן דעם נאמען "קהל ויואל משה" צו "קהל יטב לב", האט ממליץ געווען אנצופרעגן ביים בית החיים פון די גע'אסור'טע קהלה בני יואל, כדי נישט צו דארפן באנייען דעם בית החיים אויף "פאַללאַק'ס לאַט", נישט צו פארלירן די פאנדרעיזינג געלטער וואס איז געפלאנט אויף א' סליחות, און אויך כדי נישט צו דארפן אונטערשרייבן שטרי בירורין מיט אן התחייבות צו גיין צו דין תורה. – א בושה וחרפה.

די אלע גע'טענה'רייען זענען אנגעגאנגען א לענגערע צייט, ביז דער פאטער פונעם נפטר איז ערשינען, און ערקלערט הארטנעקיג, אז, הוא באחת, "ס'גייט מיך נישט אן, איך שרייב זיי גארנישט אונטער"! "דין תורה איז פאר אונז טויט שטראף"!

אלע אנוועזנדע האבן זיך ממש נישט געגלויבט צום געמיש פון אכזריות און עקשנות, ווי א טאטע קען אזוי זיין וויסנדיג וואס איז דער רצון פון די משפחה, אבער ווי דער פסוק זאגט (תהלים ו ו) "כי אין במות זכרך בשאו"ל מי יודה לך", אויף בשעת צער ויגון, געדענקט מען נישט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט, זיך עטוואס צו רעכענען מיט דעם דעת תורה און רצון ה', און ס'איז "בשאו"ל מי יודה לך", אויך דעמאלט איז מען נישט מודה אז מ'איז געגאנגען בדרך עקלתון.

מ'האט זיך נאך פרובירט צו טענה'ן מיט דעם פאטער צו טוישן זיין מיינונג, אבער ליידער, "כי אש קדחה באפי ותיקד עד שאו"ל תחתית", ער איז אפילו בשעת צרה גרייט געווען צו פארשעמען זיין זון אינאיינעם מיט די הייליגע תורה, און נישט טוהן דעם חוב וואס ליגט אויף א איד אין אזא צייט, כדת של תורה.

דאס שטייפקייט פונעם פאטער האט בלית ברירה – אדער גאר ברצון – צוגעשטיפט צו גאבן א ערלויבעניש צו באנייען א דרייוו-וועי פון א באוואוינטע דירה אויסער די גרעניצן פון די שטאט קרית יואל, פאר א בית החיים.

דערמיט איז באשטעטיגט געווארן אז אויף דורי דורות וועט מען וויסן און אנצייגן, אז דאס גרינדונג פון דעם ביה"ח אויף "פאַללאַק'ס לאַט" איז געווען א גרינע ליכט פאר ייקור שם אלילים, השתמטות מדין תורה, הרמת יד בתורת משה, געפערליכע צער ובזיונות פאר די משפחה החשובה.

## מ'האט פארפאסט א גרויסן שאנס

דאס וואס מ'האט אין די ערשטע שעה'ן פון טאג געגלויבט אז ס'וועט געלונגען צו דורכפירן, אז דער היינטיגער דאנערשטאג פר' שופטים ראש חודש אלול תשס"ט וועט פארצייכנט ווערן מיט לעכטיגע אותיות אז ס'איז געלונגען צו ברענגען דעם סאטמארן סכסוך צו דין תורה, איז ליידער דורכגעפאלן.

פון די צווייטע זייט, דער שטארקער פארלאנג פון די ראשי הקהלה וחברה קדישא, האט באמת געצייגט אויף א גבורת הנפש און אחריות כלפי דעם ציבור, אז זיי האבן פרובירט צו טון זיין פליכט פארן ציבור, מיט כמעט הונדערט פראצענט שאנסן אז ס'וועט מצליח זיין, נישט קלערנדיג אז דער אבי הנפטר וועט זיין אזא קשה עורף ביום חרון אף ה', ולמען הסטראשע גרייט זיין צו טון וואס ער האט געטון.

אדרבה, ווען דער פאל גייט ווען אדורך בשתיקה און מ'וואלט ניטאמאל "פארלאנגט" און געטוהן די מינימאלסטע השתדלות אז דער אות מן השמים וואס איז ליידער זייער ביטער און פיינפול, זאל אויסגענוצט ווערן ביום ר"ח אלול אויף תשובה, וואלט מען דען יוצא געווען כלפי שמיא, אויף דעם זמן מוכשר וואס מ'האט אדורכגעלאזט און נישט פארנוצט אויף תיקון הקלקול?!

איז דער ערשיינונג אז יעדן טאג און יעדע מינוט זענען טויזנטער און טויזנטער אידן עובר אויפן הארבן לאו פון "לא תשנא את אחיך בלבבך" און אלע אנדערע עבירות פון מחלוקת, לשון הרע, רכילות, ביזוי כבוד תלמידי חכמים, א.א.וו. נישט אזויפיל ווערד צו מחייב זיין די ראשי הקהלה מ'זאל "פרובירן" צו מאכן א שריט איינמאל פאר אלעמאל און דאס אפשטעלן?!

ווען דען האט געקענט זיין א קלער צו ברעכן דאס עקשנות, אויב נישט ווען ס'איז "מתו מוטל לפניו"?!

# וויינט ווי דער ״קאזאק הנגזל״

שבת קודש פר׳ לך לך אין יאר תשכ״א, נאכן דאווענען האט מרן רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי״ע צושפאצירט צום סיגוט׳ער ביהמ״ד, צו א קידושא רבה לרגל א שמחה בבית זיין זיין גרויסן פלומעניק, כ״ק מרן רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, דאן אבד״ק סיגוט, וואס איז פארגעקומען אין זיין ביהמ״ד קהל עצי חיים סיגעט אויף 152 הויז סטריט אין וויליאמסבורג.

אויפן וועג אהיים למעון קדשו האט זיך געמאכט א שמועס איבער די היינטיגע מנהיגים וועלכע זענען ליידער מסית ומדיח דעם ציבור לטובת דעם רעיון הציוני וכדומה, זיי אליין זענען ווייט פארפארן ל״ע, און זיי ווערן נאך ברוגז ווען מ׳זאגט דעם אמת, זיי האבן טענות קעגן די ערליכע אידן וואס האלטן זיך נישט צוריק פון ארויסזאגן דעם דבר ה׳ אין די מלחמת ה׳ בעמלק.

האט דאן דער רבי זי״ע דערציילט א ווערטל איבער דעם ענין, אז ס׳איז געווען אמאל א דיין אינדערהיים וואס מ׳האט געוואוסט אז ער נעמט שוחד, ווער עס האט איהם געגעבן מער געלט האט געוואונען די דין תורה. דער סדר ביי יענעם דיין איז געווען אז ער פלעגט גיין מיט הויכע שטיוול, און דער בעל דין וואס האט געוואלט געבן שוחד האט בשעת די דין תורה אריינגעווארפן די מטבעות אינעם שטיוול, און ער האט שוין געשפירט וועלכע שטיוול עס איז דיקער און עס דרוקט אים מער די פיס, יענעם האט ער געגעבן גערעכט. איז אמאל געווען א חברה-מאן וואס האט געוואלט מסדר זיין דעם דיין, יענער האט זיך אנגעפולט א טאש מיט קליינע אייזן און נעגל, און כסדר אריינגעשטופט נאך און נאך, און ער האט טאקע געוואונען די דין תורה.

ווען דער דיין איז אנגעקומען אהיים, זאגט ער פאר די רביצין: ״מיר גייען האבן א גרויסע הרחבה דעם שבת, עס איז געווען א גוטע דין תורה״. ער האט זיך אויסגעטון די שטיוול און ער זעהט ווי די פיס איז איהם צובלוטיגט, און עס פאלן ארויס שטיקלעך אייזן און נעגל, ער פאלט אריין אונמאכט אין א שטורמישע היסטעריע, נעמט זיך ברעטשן אויפן קול מיט אובאנומענע קולות און געוויין, שרייעט אויס ״אוי, א עלמא דשקרא״... ״גנבים״.... ״גזלנים״... ״חמסנים״...!!!

*

״על ההרים אשא בכי ונהי״, מיט עטליכע טאג צוריק האט זיך דערהערט בערי מאנראו ובחוצות קרית יואל א קול בכי ונהי, ״ותרדנה עינינו דמעה ועפעפינו יזלו מים״, די אויגן האבן געוויינט און די לעפצן האבן געגאסן טרערן, וואס איז געווען דאס געוויין? איבער די טראגעדיע? איבער די אלמנה? איבער די יתומים ויתומות? איבער די שווער און שוויגער? ניין. און ניין.

דאס געוויין-אויסברוך, האט געהאט א גאר-אנדערן באדייט, ״קול נהי נשמע איך שודדנו״, מ׳האט געוויינט, מ׳האט געשריגן, מ׳האט געכליפערט, מ׳האט געליאמערט, ״איך שודדנו, בושנו מאד כי עזבנו ארץ כי השליכו משכנותינו״, מ׳האט אונז בא׳גנב׳עט, מ׳האט אונז בא׳גזל׳עט, מ׳האט אונז בא׳חמס׳ט, ״איך שודדנו״, מ׳האט צוגענומען א חלקה, ״גנבים״, ״גזלנים״, ״חמסנים״, ״זיי וועלן קיינמאל נישט קענען קיין תשובה טוהן״...

ווען נישט אז דער וואנט-לוח זאל יעצט צייגן אויף סאמע חודש אלול, אז די ימי הרחמים והסליחות שטייען אונטער די וואנט, וואלט געווען קלאר אז די ווערטער זענען געזאגט געווארן ביי א ליצנות פארזאמלונג און דער ציבור איז זיך פארגאנגעגען אין א היליכיגן געלעכטער, זעענדיג ״ווער עס שרייעט, און וואס ער שרייעט״...

די געמיטער זענען געווען גאנץ אנגעצויגן איבער די געשעענישן פונעם טאג, מ׳האט זיך דערזען מיט א פרישן פאקט אז די גאנצע וועלט איז וואכזאם צום ״מסירות נפש אויף הליכה לערכאות״, דער פאקט אז מ׳האט געהויבן די הענט אויפן בית החיים דקרית יואל, אויפן אוהל הקדוש בהוה ובעתיד, און אלעס בלויז פאר דעם סירוב לדין תורה פונעם אבי-הבן און זייער מנהיג, נישט נאכצוקומען דעם פארלאנג פון די חברה קדישא און הנהלת קהל יטב לב, ארויסצוגיין פון גוי׳שן קאורט, און ברענגען אלע טענות ותביעות פאר א אידישן בי״ד של זבל״א.

אנשטאט מ׳זאל זיך בעטן צום אבי היתומים אז ער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער און פארמיידן לעתיד אזא טראגעדיע פון א מנין פרישע יתומים ויתומות ה״י, אז ס׳זאל שוין זיין ״תכלה שנה וקללותי׳ה תחל שנה וברכותי׳ה״, האט מען בשאט נפש, וויסנדיג אז מ׳האט בא׳גנב׳עט טויזנטער און טויזנטער אידן פון זייערע נכסי הקהלה והמוסדות אין ווערד פון הונדערטער מיליאנען דאללארן, אנגעשטעלט דעם פנים ווי דער ״קאזאק הנגזל״, און געברעטשעט גאר קעגן די ערליכע בעלים, ״גנבים, גזלנים, חמסנים״?!

אנשטאט ער זאל דארט באותו מעמד וויינען אויף די ריכטיגע סיבות און מעורר זיין דעם ארטיגן ציבור צו תשובה ותיקון המעשים, הן אויף די ענינים וואס יעדער בר דעת זעט אז מ׳דארף דא מתקן זיין, אין מחלוקת ושנאת חנם, הן אויף אנדערע ענינים פון יהדות ווי תורה, תפלה, גמילות חסדים, חינוך הבנים והבנות, הרחקה פון טמא׳נע כלים, האט מען אויסגעשאסן דעם כעס, ווען יעדער רייבט זיך די אויגן און פרעגט: ״ווער שרייעט, און וואס שרייעט ער״?!...

וואס איז דאס ליאמער, און וואס איז דאס געשריי?

אוי וואלט דער ״קאזאק הנגזל״ דארט געקענט מקדש זיין שם שמים, און טוהן א טובה פאר די נשמה פונעם נפטר, און א טובה פאר כבוד רבותינו הקדושים מסאטמאר זי״ע, און א טובה פארן גאנצן יהדות החרדית הצרופה, וואס דארף זיין די שפיגעלע פונעם אידישן פאלק עד ביאת הגואל.

ליידער ליידער, ווי הייליג זענען די ווערטער פון חכמינו ז״ל (מס׳ ב״ק נ״ב ע״א) ״כד רגיז רעיא על ענא עביד לנגדא סמותא״, ווען דער רבוש״ע צערנט אויף כלל ישראל שיקט ער פאלשע מנהיגים וועלכע זענען בלינד פון זען דעם אמת לאמיתו אין א בחינה פון ״נביאיך חזו לך שוא ותפל ולא גלו על עונך להשיב שבותך ויחזו לך משאות שוא ומדוחים״!

*

די ביטערע טראגעדיע כשלעצמו, און די נאכפאלגענדע געשעענישן פון יענעם טאג, פאדערן פון אונז דאס צו באטראכטן מיט א קלארן בליק, דאס צו באנעמען פון אלע אספעקטן.

שוין גאנצע צען יאר וואס קהל עדת חסידי סאטמאר אין ניו יארק ווערט געפלאגט פון די יעניגע וועלכע האבן אויפגעהויבן א האק אויף די תורה הקדושה, אויסגעריסן דעם פסוק ״ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ולא לפני עכו״ם״, און אריינגעפירט אונזער קהלה קדושה אין גוי׳שן געריכט. אין די ערשטע תקופה דורך זייער השתמטות פון דין תורה, און די לעצטע יארן דורך זייערע נאכאנאנדיגע אפענע תביעות בערכאות של עכו״ם, שלא ברשות בית דין און אן קיין איין איינציגע הזמנה לדין תורה.

די ערליכע ראשי הקהלה האבן אין די לעצטע תקופות געטוהן אומצאליגע השתדלות אז דער דיון זאל אנקומען צו א אידישן דין תורה, און ס׳איז קלאר אין אונזער פאל, אז די ראשי הקהילה והנהלת החברה קדישא זענען שלוחי ציבור, וואס זענען מחוייב צו טוהן כל מה שביכלתם צו ראטעווען די נכסי ציבור מיד עושקיהם, און אויב זיי שפירן ביי א פאל אז ס׳איז דא א געלעגנהייט צו ברענגען די זאך צו דין תורה און מוציא זיין מערכאות של עכו״ם און זיי האבן דאס פארפאסט, האבן זיי מועיל געווען בתפקידם.

יעדער רעכט דענקנדיגער מענטש האט פארשטאנען אז די טראגעדיע איז א געלעגנהייט, א אלגעמיינער מענטש כאפט אזא קלאפ ל״ע מאכט זיך א חשבון הנפש, נאכדערצו אז מ׳פארלאנגט פון אים אז דער מקום קבורה פון זיין נאנטן איז תלוי אין דעם, בדרך הטבע געלונגט עס און דער באטרעפענדער טוט תשובה, ער איז זיך מחייב צו שטעלן צו דין תורה. און יעדער איז געווען זיכער יענעם אינדערפרי אז דאס וועט זיין די תוצאה.

למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז מ׳האט אונטערגעשאצט דעם מהות פון דעם באטרעפענדן בר נש. ער איז געבליבן הארט ווי קופער און שטייף ווי אייזן, ולא נכנע לבבו הערל, נאר הערנדיג אז די הנהלת הקהלה פארלאנגט פון אים אז ער זאל אונטערשרייבן אן התחייבות צו חתמ׳ען שטרי בירורין, האט ער ליבערשט באשלאסן צו ״ווייזן״.

עטליכע טאג פריער האט מען פראטאקאלירט אז מ׳גנב׳עט דעם נאמען פון די קהלה ״קהל יטב לב ד׳סאטמאר״, אלעס כדי צו ״טשעפען״ און ״ווייזן״.

[ווי ווייט איז דער דיפרענץ פון דעם ערליכן נאמען ״קהל יטב לב ד׳סאטמאר״ מיט וועלכן די ערליכע ראשי הקהלה באנוצן זיך אין וויליאמסבורג, נאכן ווערן ערוועלט און דינען אין אמט בימי בריאותו ובהסכמתו פון מרן רבינו הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, נאר נאכדעם וואס מ׳האט די ערליך-ערוועלט ראשי הקהלה ארויסגעווארפן צוליב ״לאקאלע אינטערעסן״ האט מען זיך אריבערגעצויגן דאווענען אין אן אנדערן לאקאל, ביז צו א קהלה וואס דער נאמען איז געטוישט געווארן צו ״קהל יטב לב ד׳סאטמאר קרית יואל״, מיט מענטשן וועלכע

# וויינט ווי דער ״קאזאק הנגזל״

זענען קיינמאל נישט ערוועלט געווארן; דער מנהיג האט זיי פשוט ארויפגעריקט נאר כדי צו טשעפען און מהרס זיין די ערליכע קהלה].

מ׳האט פון אים נישט פארלאנגט אז ער זאל ״אויפגעבן זיינע תביעות״ אויף די קהלה, אדער ״אויפגעבן זיינע תביעות״ אויפן בית החיים, הגם דאס וואלט געווען א מער מסתבר׳דיגע אפציע, ניין, מ׳האט בלויז פארלאנגט, אז די תביעה וואס ער האט קעגן דעם בית החיים, וואס ער האט ארייגעפירט אין גוי׳שן געריכט, זאל ער מקיים זיין וואס די תורה הקדושה זאגט: ״ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם״, און דאס ברענגען פאר א אידישן בית דין.

קומט מען און מ׳וויינט ״גנבים״, ״גזלנים״, ״חמסנים״?

געוואלד און געשריגן: וואס האט ער מורא פון א דין תורה?

יעדער ווייסט אז א ״פסק בית דין״ באקומט א קראפט אין געריכט, טא, לאז ער אונטערשרייבן שטרי בירורין, ויקוב הדין את ההר, אויב דער בית דין וועט אים געבן גערעכט אויף די תביעות איז בלי שום התחכמות וועט דער צווייטער צד זיין געצווינגען זיך צוצושטעלן דערצו, תורה׳דיג און געזעצליך. פארוואס איז נישט בייגעפאלן דארט בשער בת רבים, ראש חודש אלול, ווען ס׳איז ראשי חדשים לעמך נתת זמן כפרה לכל תולדותם, אויסשרייען און אויסרופן פאר זיין ציבור, ״רבותי, מיר און אונזערע עלטערן ואבות אבותינו זענען געשטאנען ביים בארג סיני און מקבל געווען די תורה, וואס זאגט ״ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ולא לפני עכו״ם״. פארוואס האט ער נישט בשעת די לוי׳ אויסגענוצט דעם טראגישן מאמענט און זיך געשטעלט אויף די ערשטע פסוקים פון די פרשה, וואס איז דאך ממש א דבר בעתו, ״שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך וגו׳, ושפטו את העם משפט צדק, לא תטה משפט לא תכיר פנים ולא תקח שחד כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים, צדק צדק תרדף למען תחי׳ה וירשת וגו׳״. איז דאס נישט פיל מער אקטועל בענין העומד על הפרק, ווי שרייען מיט א פאלשן געוויין: ״גנבים, גזלנים, חמסנים״?!

פארוואס איז די תורה הקדושה אליינס, נישט אזוי שטארק, ווי להבדיל אלף אלפי הבדלות, ריכטערן קארלין דעמעראסט, וועלכע האט געצווינגען דעם בארא פארק׳ן מחלל שם שמים והולך בערכאות, זיך צו שטעלן צו דין תורה?!

פארוואס איז דער ״ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ולא לפני עכו״ם״ נישט אזוי מאסגעבנד ווי א געריכטליכע דעסידזשן, פון עמיצן מיט א שווארצן כאלאטל?!

אויב לדעתו האט ׳סאטמאר׳, די ׳סאטמארער ראשי קהלה׳, די ׳סאטמארער חברה קדישא׳, די׳סאטמארער מוסדות התורה׳, אים עפעס בא׳גנב׳עט אדער בא׳עול׳ט, איז דאך פאראן א ״דין תורה בישראל״. פארוואס קומט ער נישט צו דין תורה? איז טאקע דער ״דעת תורה״ אז בלויז א גוי׳שער ריכטער זאל פסק׳ענען ווער ס׳איז דער גנב ח״ו?

ס׳פרעגט זיך קעגן דעם מנהיג, דיין טאטן׳ס תלמידים וחסידים, וועלכע האבן זיך געווייקט תחת דגלו והדרכתו אלע זיינע יארן אלס אבד״ק סאטמאר כולם שוין לטובה, שרייען שוין, אומגלויבליך, גאנצע צ-ע-ן י-א-ר דעם הייליגן געשריי, ״קום צו דין תורה״. אויב יעצט ווען מ׳האט געגעבן א קליינעם שנעלקע, ס׳איז געלונגען צו ראטעווען דעם בית החיים פון די גזלן׳ישע הענט, שפירסטו אז זיי זענען גאר די ״גזלנים״, נו, זאלן אידישע דיינים זאגן ווער ס׳איז דער גזלן? יקוב הדין את ההר! זאל דאס די תורה הקדושה אנטשיידן! פארוואס האט איר אויסגעקליבן דאס צו הערן דוקא פון - להבדיל אלף אלפי הבדלות - דער טמא׳נער גוי?

״ער״ רעדט גאר פון ״גנבים״, ״גזלנים״, ״חמסנים״?!

הרב חיים צבי ט״ב שליט״א בן כבוד הגה״צ אבד״ק ור״מ סאטמאר-וויליאמסבורג שליט״א, דאפעלטער נינו הגדול פון מרן הגה״ק בעל ברך משה זי״ע, האט נישט באקומען קיין עלי׳ לתורה ביום שמחת לבו, שבת קודש פר׳ האזינו שבת שובה תשס״ב, ווען ער איז נכנס לעול התורה והמצוות. און שפעטער נישט געלאזט דעם הייליגן עלטער-זיידן זי״ע זיך משתתף זיין ביי די שמחת הבר מצוה במקהלות אלפי ישראל אין די זאלן פון ״קאנקארד פלאזא״ אין וויליאמסבורג. מ׳האט נישט געהערט דאן קיין ״לא יומתו אבות על בנים״, מ׳האט נישט געהערט דאן פון קיין רחמנות אויף אייגענע קינדער און אייניקלעך, מ׳האט געוויסט פון א ״בלאט״, א ״הייזקעלע״, א.ד.ג. איז דאס נישט קיין ״גניבה״, ״גזילה״, ״וחמסנות״, אוועקצורויבן א הייליגן זיידן פון זיין אייגענע שמחה?!

וועמען, קלערט ער קען מען דא נער׳ן אז איינער האט אים דא עפעס בא׳גנב׳עט אדער בא׳גזל׳ט? יעצט ווען ער שטייט לפני מיטתו פון א איד וואס גייט ארויף אויפן עולם האמת קלערט ער קען זיך פאפן? צי קלערט ער דען נישט אז אויף יענע וועלט וועט מען נישט געבן א דין וחשבון פאר יעדע איינציגע מינוט וואס ער זיצט אין די גע׳גנב׳עטע בנינים? און פאר יעדע מינוט וואס ער איז געזעצן אין גוי׳שן געריכט שלא ברשות בי״ד?

צו נעמען א ביהמ״ד, אין הארץ פון וויליאמסבורג, אויף בעדפארד עוו. ביי ווילסאן סט. וואס אפילו זיינע גרעסטע אנהענגער זענען אלע מודה, אז דאס איז געבויעט געווארן מיט געלט, בלוט, און שווייס, אפגעקויפטע זיצן פון אידן וואס באלאנגן לגמרי נישט אונטער זיין הנהגה, און זיך דערויף בעלבעטעווען כאדם העושה בתוך שלו, אין דער צייט וואס די ריכטיגע בעלים דארפן צאלן שווערע געלטער פאר זייער מקום תורה ותפלה, און דער ביהמ״ד שטייט א גאנצן טאג, א גאנץ יאר, ליידיג. איז דאס נישט קיין ״גניבה״, ״גזילה״, ״חמסנות״?!

אין די היסטאריע פון כלל ישראל ווערן די מעשים טובים פון די לעצטע צען יאר באצייכנט אלס איינע פון די גרעסטע גניבות, גזילות, און חמסנות. זיצט אין טאטן׳ס הויז שלא ברשות היורשים; גע׳גזל׳ט בנינים אין ווערד פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאללארן; אוועקגערויבט דעם טאטן׳ס נכסים בחייו און די ירושה לאחר פטירתו; שופך געווען דם אביו הק׳ און האט אים אהערגעשטעלט ללעג ולקלס ולשמצה בקמיהם; באנוצט זיך מיט די ירושה חפצים שלא ברשות היורשים; און ״ער״ קומט גאר מיט דמעות תנין ועכבר שרייען קבל עם ועדה: ״גזלנים״, ״גזלנים״,



קהל יטב לב ד׳סאטמאר
קרית יואל
נתייסדה ע״י מרן רבינו הקוה״ט זי״ע

Cong. Yetev Lev D'Satmar
Monroe, New York
בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

Central Office: 5 Garfield Road • Monroe NY 10950 • Tel. (845) 783-1819 • Fax (845) 783-2206

בס״ד

יום ג׳ שנכפל בו כי טוב לסדר שופטים ושוטרים תתן לך תשס״ט לפ״ק

## מודעה חשובה ומשמחת

לכבוד מעלת חברי קהלתינו הק׳ תושבי קרית יואל כ״א בשמו הטוב יבורך

**ביי די אסיפת אקרו״ט וואס איז פארגעקומען בבית מרן רבינו שליט״א יום ב׳ פר׳ שופטים תשס״ט איז באשטעטיגט געווארן דאס פאלגענדע:**

א׳. אונזער קהלה קהל יטב לב ד׳סאטמאר קרית יואל דינט אלס א פולשטענדיגע המשכה פון קהל יטב לב ד׳סאטמאר וואס איז נתייסד געווארן בשנת תש״ח דורך מרן רבינו הקוה״ט מהר״י ט״ב זי״ע און איז נמשך געווארן דורך מ״מ כ״ק מרן רבינו מהר״ם ט״ב זי״ע און שטייט תחת נשיאות מ״מ כ״ק מרן רבינו מהרי״י ט״ב שליט״א עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו.

ב׳. די פאלגענדע ליסטע מנכבדי קהלתינו זענען אויפגענומען און באשטימט געווארן דורך כ״ק מרן רבינו שליט״א אלס אקרו״ט דקהלתינו הק׳ קהל יטב לב ד׳סאטמאר קרית יואל.

עהרן פרעזידענט:
הרב עזריאל גליק

פרעזידענט:
ר׳ שלמה מיכל ראזנער

ראש הקהל:
ר׳ מענדל שווימער

וויצע פרעזידענט:
ר׳ משה פריעדמאן
ר׳ יוסף פנחס סטראלאוויטש

פארשטאנד:
ר׳ קלמן ווייס ברמ״א
ר׳ משה יאקאבאוויטש
ר׳ יעקב ווייס
ר׳ ישראל ארי׳ גאלדבערגער
ר׳ אברהם יעקב פאזען
ר׳ יושע מתתי׳ מערץ

גבאים:
ר׳ יוסף גאלדבערגער
ר׳ געציל פאלאטשעק
ר׳ ישראל חיים קרויס

רואה חשבון:
ר׳ יעקב מנחם דייטש

וועד הפועל:
ר׳ בצלאל משה גאלדבערגער, יו״ר
ר׳ משה אהרן ווייס
ר׳ משה מאיר טייטלבוים

טובים:
ר׳ שמואל זאנוויל כהנא
ר׳ משה ארי׳ קאהן
ר׳ חיים יוסף עפשטיין
ר׳ הלל פארגעס
ר׳ חיים יוסף נ׳עדערמאן

ר׳ שמואל יעקב גליק
ר׳ עוזיאל פערלשטיין
ר׳ שרגא פאזען
ר׳ משה יודא פאלאטשעק
ר׳ אברהם שלמה פערענץ
ר׳ אברהם מרדכי רייכמאן
ר׳ יקותיאל מאיר גראס
ר׳ חיים יושע הערמאן
ר׳ ישראל חיים גרינהוט

התאחדות אברכים:
ר׳ אהרן פערענץ, יו״ר
ר׳ ארי׳ לייב וויינער
ר׳ שמואל יאקאבאוויטש
ר׳ נתן יצחק שווארץ
הרב יהוסף מאשקאוויטש
ר׳ יחזקאל יואל שטעסל

ויה״ר שנזכה להרבות פעלים רבים לתורה ולתעודה ולהרחיב גבולי הקדושה בעירינו ולהרים קרן קהלתינו הק׳ עדי נזכה במהרה לביאת גואלינו ומלכינו בראשינו, אמן

הנהלת הקהלה

# ווינט ווי דער "קאזאק הנגזל"

"חמסנים"?!

*

אין די קורות דברי הימים לבית רבותינו הק' מסיגוט זי"ע איז באצייכנט דער עפיזאד: בימיו פון הייליגן ייטב לב זי"ע, וואס היינט ביים שרייבן די שורות געפאלט זיין יומא דהילולא קדישא, מרן יקותיאל יהודה בן מרן אלעזר ניסן זכותו יגן עלינו, איז נפטר געווארן א איד אין די שטאט סיגוט אויף וועמען מ'האט ערנסט מרנן געווען אויף אים אז ער, אינאיינעם מיט א דיין פון א מושב בית דין, זענען מעוות דעם דין. ביי די לוי' ווען מ'האט געבעטן דעם ייטב לב זי"ע ער זאל מספיד זיין, האט ער דאס אנטזאגט.

אין די שבעה האט מען ווידער געפרעגט דעם ייטב לב פארוואס ער האט זיך גע'עקשן'ט נישט מספיד צו זיין, האט דער ייטב לב געענטפערט, אז אויב וואלט איך מספיד געווען דעם איד וואלט איך געזאגט דעם טייטש אויפן פסוק, "וכי יהי' באיש חטא משפט מות והומת", אויב ס'וועט נפטר ווערן א מענטש, און די שטאט וועט שמועסן אז ער איז געשטארבן צוליב דעם וואס ער האט מעוות געווען דעם דין, ער האט געהאט דעם "חטא משפט", און צוליב דעם איז געקומען דער "מות", זאגט דער פסוק אז מ'זאל חלילה נישט אזוי באשמוצן דעם נפטר, נאר "ותלית אותו על עץ", מ'זאל דאס תולה זיין אויפן חטא פון "עץ", וואס דער פסוק זאגט (פר' שופטים) לא תטע לך אשירה כל עץ, און חז"ל דרש'נען אויף דעם (מס' סנהדרין ז' ע"ב) "כל המעמיד דיין שאינו הגון כאילו נוטע אשירה בישראל, שנאמר שופטים ושוטרים תתן לך, וסמיך ליה לא תטע לך אשירה כל עץ". ווייל צו מעמיד זיין דיינים שאינם הגונים און פאלגן זייערע פסקים, דאס איז גורם "חטא משפט מות והומת" רח"ל. - עכ"ד פון הייליגן ייטב לב זי"ע.

שטייט דא אן עדה קדושה אידן וועלכע בלוטיגן און ווייטאגן שוין לאנגע יארן, און בעטן זיך צום שר המחלוקת, הרף! לאמיר אפשטעלן דעם פייער, לאמיר צוגיין צום יום הדין מיט א זכות גדול אז סוף כל סוף ווערט מקויים דער פסוק "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, ולא לפני עכו"ם", מ'זאל ארויסציען דעם סכסוך איבער דעם מקום קדוש פון גוי'שן געריכט און זיך שטעלן צו דין תורה, וואס דאס זעלבסט זאל ווערן צוגערעכנט לטובת נשמתו פון זיין זון דער נפטר ע"ה.

"זאל דער זכות ארויפגיין צום כסא הכבוד, און זאגן פארן "מלך במשפט יעמיד ארץ", אז די גרעסטע חרד'ישע קהלה קדושה בישראל האט עטליכע וואכן איידער'ן יום הדין, פראקטיצירט דעם גרעסטן קידוש השם דורך זיך שטעלן צו א אידישן משפט". — אזוי האט מען געהאפט.

ס'לאזט זיך גלויבן, אז אפילו ווען דער הארטנעקיגער פאטער זאל לערנען משניות 18 שעה אין מעת-לעת אין משך פון די גאנצע י"ב חדשי האבל, לעילוי נשמת בנו הנעדר ע"ה, וואלט דאס נישט צוגעקומען צו א עילוי פאר די נשמה, ווי ער וואלט ווי אן ערליכער איד געגעבן זיין חתימה מיט אן התחייבות אויף שטרי בירורין.

אבער ליידער האט דער הויפט גורם המחלוקת, אנשטאט אויפהייבן די הענט נאך אזא ביטערן קלאפ אין זיין אייגענע קהלה, גאר אויסגענוצט די טראגעדיע אויף צו שלאגן קאפיטאל און שרייען אויף אנדערע "גנבים", "גזלנים", "חמסנים".

נו, אויב ס'גייט די וואך פרשת "גניבה-גזילה-חמסנות", לאמיר כאפן א קורצן שפאציר אויף סאטמאר גלאבאל, און זיך באקלערן איבער דעם סטאטוס פון זיין אומשולדיגן רבנות, וואס מ'זוכט צו טשעפן. אדרבה, לכו נא ונוכחה, ווער איז דער "גנב, גזלן, וחמסן". נאר, נאך וואס גיין זוכן אין דער ווייטענס, ווען מ'קען נעמען אלס ביישפיל אונזער שכינות'דיגער שטאט, די נכסי הקהלה והמוסדות אין "בארא פארק".

אלזא, אין יאר תשנ"ט זינגט מען א לידל "למה נגרע". קרית יואל האט שוין א רב; בארא פארק האט שוין א רב; מאנסי האט שוין א רב; מאנטרעאל האט שוין א רב; לאנדאן האט שוין א רב; מאנטשעסטער האט שוין א רב; און אזוי ווייטער. — און פארוואס נישט א "לאקאלן רב" אין וויליאמסבורג.

וויסנדיג דעם רצון קדשו פון רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע פון אלע יארן, האט זיך געשאפן א ברייטן התנגדות צום גאנצן באגריף פון א "לאקאלן רב", אונטער סיי וועלכן מאנטל.

ווידעראום, די אנהענגער פונעם "לאקאלן" באגריף, הייבן אן שרייען: "פארוואס דארף מען אלעס האבן"? "פארוואס איז נישט גענוג וואס מ'האט אים געגעבן"?.

נו, לאמיר זען ווי שנעל דער "לאקאלער" איז זאט געווארן פון זיין "לאקאל'שאפט".

אין יאר תשמ"א, טראץ וואס דער זעלבער "לאקאלער" האט אליינס געוואוינט אין בארא פארק, האט דער הייליגער פאטער, מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע ממנה געווען בהסכמת ראשי הקהלה והמוסדות יבלחט"א כבוד חתנו כבנו כ"ק הגה"צ רבי דוד דוב מייזליש שליט"א אלס אב"ד ור"מ דק"ק ומוסדות סאטמאר בארא פארק.

פלוצים, ניינצן יאר שפעטער, אנשטאט זיך צו האלטן מיטן גומערנעם סטעמפל אלס "רב ור"מ דקהל יטב לב ד'סאטמאר פה וויליאמסבורג", האט מען זיך דערזען מיט א זיגל "רב ור"מ דקהל יטב לב ד'סאטמאר ברוקלין נ.י.".

אויב וואלט דאס געבליבן ביים בלויז זיגל אויף די שנאר-בריוולעך, החרשנו. מיר וואלטן דאס אראפגעשלינגען. אבער למעשה, וואס האט דער זיגל אפגעזיגלט פאר אונז? א קייט פון וועלן פארכאפן די בארא פארקער קהלה, וועלן קרוינען אייגענע גבאים קעגן די ראשי הקהלה, וועלן וואנדאליזירן און שטורמען שיינע "חומש סעודות" צו פארכאפן בעלות, רופן אין גוי'שן געריכט שלא ברשות בי"ד, תובע זיין אפענע קלאגעס קעגן באלד א מנין ערליכע ראשי ומנהלי המוסדות, אויסגעשפענדעט אוצרות מיט אידיש געלט פאר געריכטליכע צוועקן. — נו, איז דאס נישט "גניבה, גזילה, וחמסנות"?!

דון מינה ואוקי במאנטרעאל, לאנדאן, בני ברק און מאנטשעסטער.

אויב האט מען אים — לשיטתו — געגעבן "וויליאמסבורג", וואס זוכט ער אין "בארא פארק"?! אפילו לויט די פאלשע צוואה וואס ער האט פארשפרייט, שטייט דאך אך ורק "וויליאמסבורג", נו וואס איז די מאכט-רייץ אריבער ביז איבערן שיעור חימוץ קיין בארא פארק?!

און פארגעסט נישט, ער ברויך גארנישט, נאר וואס מ'האט אים געגעבן און "וואס דער טאטע ז"ל האט מיך געבעטן צו פירן"...

וואו נעמט מען דעם חוצפה בועט צו זיין באביו וברבו וועלכער האט בוחר געווען זיין עלטערן שוואגער, וועלכער איז גדול ממנו בחכמה ובשנים, און פרובירן מהרס צו זיין די ארטיגע קהלה קדושה ומוסדות התורה?! ב"ה עד הנה האט ער נישט מצליח געווען קיין כהוא-זה מיט דעם הירוס פלאן, וכן יעזור ה' גם להלאה. און ס'קומט זיך טאקע אדאנק פאר סאטמארער חסידים תושבי בארא פארק וועלכע האבן אים צוריקגעשיקט צו זיין "לאקאל" קיין וויליאמסבורג...

אוי, בני ברק. כמה דמעות שפך אותו צדיק אויף די מלחמת ה' בעמלק, און דא גייט מען בשאט נפש אין ציוניסטישן בג"ץ. די גרעסטע גאונים אדירים און זייערע בתי דין, א שטייגער ווי הגאון האדיר מרא דכולא תלמודא בעל שבט הלוי שליט"א ובית דינו הצדק, הגאון האדיר רבי ניסים קרליץ שליט"א ובית דינו הצדק, הגאון האדיר הגרמי"ל לאנדא גאב"ד בני ברק שליט"א ובית דינו הצדק, וועלכע זענען נישט אויף קיין "פעיראל" פון סאטמאר אין בני ברק, און נישט אויף קיין "פעיראל" פון סאטמאר אין אמעריקא, האבן אלע געשריבן קלאר און דייטליך בכתב ידם, דעת תורתם הרמה, אונטערגעשריבן דורך אלע זייערע חברי הבית דין, אז דא איז געטוהן געווארן אן איסור חמור פון הליכה לערכאות הציוני, און מ'מוז דאס שוין תיכף מבטל זיין. אזוי האט אויך געשריבן בכתב יד קדשו כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א, און שוין עטליכע מאל ארויסגעשריגן במחאה נמרצה.

פונדעסטוועגן דאך פארשטייט מען אז מ'האט א רעכט צו לאזן שטיין בנינים וואס אידן דארפן האבן פאר דירות פאר זייערע קינדער, צונעמען געלט און הכנסות וואס באלאנגט פאר די מוסדות, טראץ קיינער אין די וועלט איז נישט מחולק אז ער פארמאגט נישט אין יענע קהלה קיין דריי פראצענט בני הקהלה אלס אנהענגער.

אפשר ווייסט עמיצער אנצוצייגן איין פלאץ בארבע פינות העולם וואו עס געפינען זיך סאטמארער חסידים, וואו מ'האט נישט פרובירט צו פארכאפן בעלות און "אוועקנעמען" דעם סטאטוס פון די ערליכע ראשי הקהלה והמוסדות, מיט "גניבה, גזילה, וחמסנות"?!

הוא הגבר וואס געמאכט די גרעסטע גניבה אין די חסיד'ישע וועלט;

הוא הגבר וועלכער באזיצט טייערע ירושה חפצים, וואס ליגט ווער ווייסט וואו?... און האלט דאס אפ בגניבה ובגזילה;

הוא הגבר וואס לאזט נישט זיינע ברודער און שוואגער הרבנים הגאוה"צ שליט"א קומען באזוכן זייער אלטע מאמע, הרבנית הצדיקת בת קדושים פעסל לאה בת חי'ה לרפו"ש מחברתו הטהורה פון מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע, כאטש מ'בעט זיך צו די ערפי לב אז מ'זאל קענען צוקומען אן א מהומות און איבערקערענישן, אבל הוא באחד ומי יאמר לו מה יעש, אז ער זאל פארשפרעכן אויף רואיגע באזוכן לטובת מצב בריאותה פון די צובראכענע מאמע שתחי', די אמה של מלכות לרפו"ש;

הוא הגבר וועלכער שטייט אונטערן קאנצעפט אז "סאטמאר איז העכער די תורה" און נאר אייגן-באצאלטע דיינים, צי דיינים וואס מ'ווייסט פון קלאר זייער מיינונג פון פאראויס, זענען בארעכטיגט צו דן זיין דעם סאטמארן סכסוך;

יעדע קהלה בישראל, באבוב, וויזניץ, קראסנא, צאנז-קלוזנבורג, פאניעוויזטש, ווייסט און פארשטייט אז מ'דארף גיין צו דין תורה צו זבל"א, דאס זעלבע האט מען זיך געפירט אין סיגוט און אין סאטמאר, נאר ער פארשטייט אז מ'דארף גיין צו אייגענע דיינים, איז דאס נישט "גניבה, גזילה, חמסנות"?

הוא הגבר וואס ווייסט אז אדוואקאטן באצאלט מען פון ציבור געלט, און יעדע פרוטה אין די לעצטע צען יאר וואס מ'האט געמוזט געבן להצלת נכסי הציבור, פון ביידע צדדים, איז ריין גניבה, גזילה וחמס;

פלוצים ווען מ'באריר אים די קעשענע, ווען ס'געלונגט פאר די ערליכע ראשי הקהלה מציל צו זיין דעם בית החיים פון זיינע הענט, איז ער נישט צופרידן. וואס יאמערט ער

# ווײנט ווי דער "קאזאק הנגזל"

פלוצים "גנבים", "גזלנים", "חמסנים"? איז דען פאראן א מער-בולט'ער "אני ואפסי עוד" ווי "זיין" רייך נאך שררה און מאכט?!

ואם בבארא פארק עסקינן, שטעלט זיך די הארבע פראגע: ס'איז דאך שוין דא א הרכב בית דין, וואו ביידע צדדים האבן איבערגעגעבן זייערע זכותים לדון ולהורות כדת משה וישראל כלפי די מוסדות הקדושים אין בארא פארק, מ'האט שוין אין ב"פ פארגעסן אז די דיינים מוזן זיין "היימישע" וועלכע קענען זיך אויס מיט די "תהליכי הקהלה", קיין איינע פון די בוררים האבן נישט געלערנט בישיבתו הקדושה פון רבינו קוה"ק מרן בעל דברי יואל זי"ע אין סאטמאר, און מיט דעם אלעמען האט מען זיך אויסגעטשוכעט פון דעם "תהליכי הקהלה" קרומקייט און מ'האט מסכים געווען זיך צו שטעלן לדין תורה ביי דעם בי"ד של זבל"א, וואו ס'איז שוין פארגעקומען צוויי זיצונגען, כלפי בארא פארק.

נו, אויב אזוי, פארוואס קען מען נישט טוהן אקוראט די זעלבע זאך כלפי דעם ברייטן סכסוך אינערהאלב די קהלה קדושה, און איינמאל פאר אלעמאל אפשטעלן דעם פייער וואס פלאקערט שוין אריבער צ-ע-ן י-א-ר?!

שוין אפגערעדט פון די ליצנות'דיגע סתירה, דא הערט מען אז דער נפטר איז געווען גאר דער שליח וואס האט פארהאנדלט מיט משפחת פאללאק, מיט די אדוואקאטן, מיט די ארכיטעקטן, מיט די "טאון אוו מאנראו"; דא זאגט דער אייגענער פאטער (וועלכער איז נודע מיט זיין מדת האמת) אז דאס איז גאר געווען זיין "רצון" (צו ווערן באהאלטן אין "פּאָללאַק'ס לאַט"), מ'הערט דאס ביי די לוי' און אויך אין די נאכפאלגענדע טעג אין די שבעה איבער זיין ראלע אינערהאלב יענע קהלה, דער אייגענער פאטער ווידערהאלט כסדר אז דער נפטר איז געווען דער רוח החיים פונעם גאנצן מקח אויפן נייעם בית עלמין אין "פּאָללאַק'ס לאַט", און דא שטעלט ער זיך אוועק, און ליארמעט און ברעטשעט ווי א קאזאק הנגזל, "גנבים, גזלנים, חמסנים"? — שטעלט זיך די פראגע, האיך יתקיימו שניהם? איז דאס געווען זיין רצון, אדער האט מען דא אדורכגעפירט א גזילה וחמס?!

*

אין די וואך פון פר' שופטים, ווען עס געפאלט אויס די הייליגע יומא דהילולא, האט רבינו הק' זי"ע דער מייסד הקהלה והקרי', זיך ארומגעקוקט אין זיין שטאט, פון איין זייט האט ער געזען דעם ערליכן שטעטל בהודה ותפארתה, די טויזנטער צניעות'דיגע הייזער, בתי ישראל הכשרים וואו מ'פירט זיך על פי דרכו והשקפתו, די ערליכע פראכטפולע בתי מדרשים אין אלע ווינקלען און געגנטער פון די שטאט, אין שפיץ פונעם ביהמ"ד הגדול מיט איר פראכטפולן "היכל צבי ראזנבערג", די הייליגע מוסדות התורה וואס ער האט מייסד געווען, דער "בית השחיטה" המהודרת, דער מוסד הקדוש "שערי חמלה", דער נייער "אולם עקשטיין" צו שפארן שמחה-הוצאות ביי אידן, דער "מבצר הכוללים" מיט אירע הונדערטער בני תורה שתורתם אומנתם, דער "אשת חיל" צענטער פאר ערליכע אידישע מאמעס, טויזנטער און טויזנטער חסידי'שע אידן, אברכים ובחורי חמד וועלכע קאכן זיך אין זיינע הייליגע ספרים, וכו' וכו'.

פון די אנדערע זייט האט ער — ליידער — געזען, אין די וואך פון פר' שופטים, ווי דער מנהיג פונעם טרויעריג בארימטן כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני איז אנגעקומען פון סוואן לעיק און קורסירט ארום אין די שטאט, ער וועבט פינסטערע פלענער להרוס ולהשמיד דעם ערליכן כח הנהגה, וויאזוי דער מנהיג שפילט זיך ארום מיט זיינע הייליגע נעמען פון "ויואל משה" און "ייטב לב", ברצותו מרחיב וברצותו מקצר.

איז קיין וואונדער די הייליגע "תורה" וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט ברוח קדשו, מיט 43 יאר צוריק, פר' שופטים תשכ"ו, בלהב אש קודש, אויפן פסוק אין די פרשה, "שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה"א בו, מקרב אחיך תשים עליך מלך, לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא", איז דער רבי זי"ע מדייק דעם לשון לא תוכל לתת, ס'וואלט געקענט שטיין מיט א פשטות, לא תתן עליך איש נכרי. נאר, ווייל געווענליך פסק'ען מיר אז 'אי עביד מהני', אבער דאך ביי דעם ענין פון א מנהיג, איז אפילו אויב מ'האט שוין געשטעלט און ממנה געווען, האט דאס נישט קיין שום תוקף.

דאס האט דער הייליגער רבי זי"ע געזאגט אין די וואך, ווען דער מנהיג איז מיט יארן שפעטער געקומען אנזייען א הירוס אין שטאט.

דער מנהיג וואס זיין גאנצע אנוועזנהייט

**From:** Bruce Dunn [mailto:BDunn@riderweiner.com]
**Sent:** Thursday, August 20, 2009 3:17 PM
**To:** Richard Mahon; Steven Milligram; Joseph Catania
**Subject:** Perlstein Burial

Dear Rich, Steve and Joe,

As you know, Sol Perlstein's son passed away this morning leaving a widow and eleven children. The burial must be on the date of his death. His father-in-law attempted arrangements at the cemetery, and was advised that Sol Perlstein needed to pay $100,000 and sign a document binding himself or others to arbitration on non-specified issues. I hope you will agree that this is not the time for this kind of posturing. After talking with your clients, you were unable to tell me their conditions, yet wanted me to tell you what Mr. Perlstein is willing to do to observe the peaceful burial of his son.

If it is a matter where your client believes it will get an award for $100,000 and not be able to collect it, I believe Mr. Perlstein would be willing to post that bond or deposit it in yours or my account. If it is the agreement that the son's father-in-law was told about, what are the terms of the agreement?

If it is something else altogether – or whatever it is, please advise me absolutely as soon as possible.

Thank you for your prompt attention.

Very truly yours,

Bruce

**Bruce C. Dunn, Sr., Esq.**

RIDER, WEINER & FRANKEL, P.C.

655 Little Britain Road

New Windsor, NY 12553

Telephone: 845-562-9100

Telefax: 845-562-9126

**דער אימעיל וואס דער אדוואקאט פונעם כת האט געשיקט צום אדוואקאט פון די קהלה**
**מיטן שקר אז די חברה קדישא האט געבעטן $100,000 דאללער בלויז פאר די קרקע**

# וויינט ווי דער ״קאזאק הנגזל״

אין וויליאמסבורג איז בכפי׳ נגד דעת הציבור, די לאנגיעריגע געטרייע חברי הקהלה וועלכע האבן ערליך באצאלט דמי חבר און זיך משתתף געווען מיט יערליכע גרויסע נדבות לטובת המוסדות והמסתעף, וואס אויף אזא איינעם שרייבט דער הייליגער חתם סופר (חו״מ סי׳ י״ח) אז ער איז ״כאשירה אצל המזבח״, און דער הייליגער חת״ס שרייבט בלשון קדשו: ״ואין הבית הכנסת ההוא לא מקדש ולא מזבח אם אשירה עומד שם, ואם המורה מורא שמים על ראשו ילך ויתמנה במקום שחפצם בו ולא להטיל עצמו על הציבור על כרחם״, עכלה״ק.

אט אזא סארט מנהיג איז געקומען אנזייען חורבנות אין די הייליגע שטאט קרית יואל. און ווען? ביומי דהילולא קדישא פונעם הייליגן מייסד, רבינו הקדוש זי״ע, ערב די ימי הרחמים והסליחות ווען יעדער איד זוכט זיך אביסל זכותים צום בעפארשטייענדן יום הדין.

אין די היינטיגע סדרה, פר׳ כי תצא, זכור את אשר עשה לך עמלק, איז באקאנט דאס ווארט פון הייליגן רבי ר׳ הערש אלימלך מדינוב זי״ע, אין זיין ספה״ק בני יששכר, אז די וואס זענען ״מטיל אימה על הציבור שלא לשם שמים״, די ווערן אנגערופן עמלק, עיי״ש.

וואו איז פאראן א גרעסערער ״מטיל אימה על הציבור״, ווי דער מנהיג, וועלכער איז געווארן רב מיט פאליציי, דורך א געריכט, אלע חסידים פון זיין הייליגן טאטן דער ברך משה זי״ע זענען געווען דערקעגן, רובא דרובא פון ״קהל״ האט זיך עפענטליך ארויסגעשטעלט דערקעגן, בגלוי וברבים, בכתב וחתימת ידם, בלויז די דאן-ארויסגעשפיגענע פון סאטמאר, די אנגעווייטאגטע מיט שנאה אויף זיין הייליגן טאטן זי״ע מכח די גרעניצלאזע ״אהבה מוסתרת״ האבן זיך דערצו צוגעכאפט, און אזוי ארום איז אים געלונגען עפעס צו פארכאפן, און נאכאמאל, מיט די הילף פון די פאליציי.

וואו איז פאראן א גרעסערער ״מטיל אימה על הציבור״, ווי דער מנהיג, וועלכער פירט שוין אן גאנצע צען יאר א טעראר און רשעות-קייט קעגן יחידים וואס האבן געהאט ״מחשבות זרות״, און נישט ״געגאנגען אין שפאן״; זינט חודש אייר תשנ״ט עד היום הזה האט מען צוגענומען פרנסות פון אידן וואס טייל בלוטיגן נאך היינט פאר א דאללער, מ׳האט בא׳גזל׳ט און מקפח געווען אומשולדיגע משפחות, מ׳האט ארויסגעווארפן איינגעשטעלטע על לא עול בכפם, ארויסגעשטעלט קהלה לייט, צוגענומען פאסטענס, א שטייגער ווי (ואין מוקדם ומאוחר): - המנוח מו״ה יוסף ב״ר משה פראממער ע״ה. - יבלח״ט: ר׳ פ. א. ווייס הי״ו סגן משמש בביהמ״ד הגדול. - ר׳ א. א. שווארץ הי״ו מנהל כללי מוסדות יטב לב בעיה״ק ירושלים תובב״א. - הרה״ג ר׳ מ. צוויבל שליט״א ר״מ ומנה״ר בישיבה קטנה דסאטמאר וויליאמסבורג. - הרה״ג ר׳ י. פריעדמאן שליט״א שו״מ בישיבה קטנה דסאטמאר וויליאמסבורג. - הרה״ג ר׳ ר. י. בערקאוויטש שליט״א שו״מ בישיבה קטנה דסאטמאר וויליאמסבורג. - הרה״ג ר׳ מ. א. הערשקאוויטש שליט״א ר״מ בישיבה קטנה דסאטמאר וויליאמסבורג. - האברך מו״ה מ. ח. בערקאוויטש הי״ו מנהל גשמי בישיבה קטנה בנין עסטרייכער. - מו״ה ש. ז. ווייס הי״ו עסקן נמרץ לטובת די 82 מוסדות. - הרה״ח מו״ה ב. מ. ליכטנשטיין שליט״א מנהל רוחני בבית חינוך לבנות בית רחל. — ארויסגעשטעלט הרה״ג רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט״א ראה״כ בוומסב״ג פון לערנען בחברותא מיט רבינו הברך משה זי״ע. — הרה״ח מו״ה ש. וויזנפעלד הי״ו מנהל פלייש געשעפט 82 לי עוו. — מו״ה ע. י. כ״ץ הי״ו מנהל מקוה טהרה אין ווילאמסבורג. — הרה״ח מו״ה ש. הלוי ווערצבערגער הי״ו משמש קהל יטב לב ד׳סאטמאר — הרה״ח מו״ה ח. א. גראס הי״ו גבאי ביהמ״ד הגדול - הרה״ח מו״ה ש. ד. מארקאוויטש הי״ו גבאי ביהמ״ד הגדול - הרה״ח מו״ה ח. א. ליכטמאן הי״ו גבאי ביהמ״ד תהלות יואל. - הרה״ח מו״ה ש. ראזענפעלד הי״ו גבאי ביהמ״ד תהלות יואל. - הרה״ח מו״ה ד. ש. פראמאוויטש הי״ו גבאי ביהמ״ד התאחדות האברכים בניני זופניק. - הרה״ח מו״ה י. י. הלוי ווערצבערגער הי״ו בעל קורא מומחה בביהמ״ד הגדול. - הרה״ח מו״ה ח. ד. גראס הי״ו גבאי בית המדרש ק״ק יטב לב ב״פ. - הרה״ח מו״ה ז. שעהנפעלד הי״ו גבאי בית המדרש ק״ק יטב לב ב״פ. - הרה״ג ר׳ א. שווארץ שליט״א מנכ״ל דמוסדות קרית יואל, (געמאכט דעם ברך משה זי״ע רופן אויפן טעלעפאון אים מסלק צו זיין). - מבזה געווען ברבים די פני העדה וזקני חשובי אישי הציבור הרה״ח מו״ה דוד הויער הי״ו סגן ראש הקהל קהל יטב לב. - מבזה געווען און געשלאגן ברבים הרה״ח מו״ה שמואל אבערלענדער הי״ו חוה״מ סוכות תש״ס אין די גרויסע סוכה, ביים הייליגן טיש פון ברך משה זי״ע פארנט פונעם מנהיג פערזענליך. - מבזה געווען און באשיגן הרה״ח מו״ה יקותיאל צבי הלוי ווערצבערגער הי״ו, תלמיד רביה״ק זי״ע פון קראלי. - מצער געווען און מערערע מאל מבזה געווען הרה״ח מו״ה יוסף יהושע גראס ז״ל, דער משתב״ק ו״עבד לעבדי ה׳״ האט אים ״אנגעשפיגן״ (יא, איר לייגט גוט!), און מ׳האט אים בא׳שייגעץ׳ט פארנט פונעם מנהיג עטליכע מאל אין ביהמ״ד הגדול אויף ראדני סט. - פארשפארט בתי מדרשים פון אברכים יקרים מפארי בני הקהלה בוויליאמסבורג, וואס האט שפעטער געפירט צו עפענען דעם ביהמ״ד ויואל משה אויף ראסס סטריט. - ווי פארשטענדליך אז די ליסטע איז נאך לאנג, ס׳איז שווער צו ברענגען די גאנצע לאנגען ליסטע פון דעם ״מטיל אימה על הציבור״, דער מנהיג פון וויליאמסבורג.

די אלע ״פרישע חסידים״ וועלכע זענען ״צוריקגעקומען״ אין יענע טעג האבן זיך/ אונז/יענעם איינגערעדט אז אין אים וועלן זיי טרעפן את שאהבה נפשם, זיי האבן געהאט יארן פריער אוועק פון די קהלה ווייל זיי זענען נישט געווען צופרידן פונעם גאנג וויאזוי מ׳האט באהאנדלט געוויסע מחוצפים, זיי האבן געהאט טענות אז מ׳איז מבזה אידן, אבער דערווייל האט זיך דאס ארויסגעשטעלט צו זיין א טעות מוחלט, און נאך מיט א טשמיטשיק-אריבער... דער מנהיג האט זיי צוגעוואוינט צו דעם וואס זיי האבן מכלומר׳שט אמאל ממאס געווען.

אין זכרון קומט ארויף וויאזוי מ׳האט געווארפן און געלאזט ארעסטירן רעכטס און לינקס, דא האט מען גע׳מסור׳ט און איינגעזעצט צוויי אומשולדיגע בחורים אין ״צענטראל-בוקינג״ אויף ליל שב״ק חוה״מ סוכות תשס״ב אן די מינימאלסטע געברויכן, איבער א ״קרוין״; דא האט מען מלשין געווען ביי די פאליציי אויף האברך החשוב מו״ה ע. מ. קאהן הי״ו אז ער האט פארשטאפט שלעסער אין ביהמ״ד הגדול; דא האט מען געקלאגט אין קאורט די ראשי הקהלה אז זיי האבן פארקויפט זיצן אין ביהמ״ד הגדול; בין כסא לעשור תשס״ב לפ״ק איז מען מלשין אויף 11 אינגעלייט אז זיי האבן געשטערט דעם רבי׳ס טיש; דינטאג ויצא תשס״ב שרייבט י. ה. ווייס א קלאגע איינצוזעצן הרה״ח מו״ה מ. י. י. בראך ני״ו; דאן סטראשעט מען דעם משמש מו״ה שלמה ווערצבערגער הי״ו אז ער וועט פארלירן זיין פרנסה אויף ער וועט נישט אויך אונטערשרייבן די מסירה; נאך שבת חנוכה תשס״ב קלאגט מען האברך מו״ה י. איצקאוויטש הי״ו; דא גיבט מען ארויס די פריוואטע ״בוירט סערטיפיקאטן״ פון בחורי הישיבה אין קרית יואל, דורך דעם אפיס פון 82 מוסדות, כדי זיי צו קלאגן איבער פעלשן די וואלן אין קרית יואל; אויך אנדערע איבלען ווי אנפירן א פריצות׳דיגן תועבה׳דיגן חתונה זאל אין הארץ פון וויליאמסבורג, והאחרון הכביד מ׳איז זיך משתמט פון גיין צו דין תורה, וואו מ׳איז גערופן געווארן מיט דריי הזמנות כדת של תורה.

דאס אלעס איז טייל פון די דברים גלויים ומפורסמים וואס אלע תלמידי וחסידי סאטמאר האבן מיטגעהאלטן אונטער די הנהגה פון דעם מנהיג, דער ריכטיגער ״מטיל אימה על הציבור״.

ולא ארכו הימים, דעם היינטיגן מאנטאג פר׳ כי תצא, ווען דאס יהדות וויליאמסבורג האט באגלייט דעם זקן הרבנים כ״ק הגה״צ חו״פ רבי פרץ ראזענבערגער זצ״ל אבד״ק סוליצע, האט דער כת באלד אנגעהויבן א קאמפיין, מיט גוטן און מיט בייזן, צוגעזאגט אומזיסטע חלקה׳ס פאר אלע בני המשפחה, פארשפראכן נאך מלומדות און טיטשינג פאסטענס, ומכלל הן את שומע לאו, ביז צום סטראשען אויף שווערע קאנסעקווענצן. אבער ב״ה זכות אבותם עמד להם זיך נישט צו פארלירן און נישט מטמין געווען דעם גרויסן גאון וצדיק מאחורי הגדר בבזיון גדול, לכבוד תורתו.

*

דריי מאל א טאג זענען אידן מתפלל אין די עלפטע ברכה אין די שמונה עשרה, ״השיבה שופטינו כבראשונה ויועצינו כבתחילה והסר ממנו יגון ואנחה״. שטעלט זיך א געוואלדיגע קשיא וואו קומט דא אריין דער ״והסר ממנו יגון ואנחה״ ביי די ברכה פון ״השיבה שופטינו״? מ׳האט מתפלל געווען פריער אויף צרכים גשמיים, ראה נא בענינו אויף דעם צער פון גלות און מ׳דערמאנט נישט ״והסר ממנו יגון ואנחה״; מ׳האט מתפלל געווען ברכת רפאינו אויף חולי ישראל, און מ׳דערמאנט נישט ״והסר ממנו יגון ואנחה״; מ׳האט מתפלל געווען ברך עלינו אויף השפעת הפרנסה, און מ׳דערמאנט נישט ״והסר ממנו יגון ואנחה״; מ׳האט מתפלל געווען תקע בשופר גדול לחירותנו וואו מ׳בעט אויף דעם ביטערן קץ הגלות, און מ׳דערמאנט נישט ״והסר ממנו יגון ואנחה״; פלוצלינג דא ווען מ׳בעט אויף ערליכע דיינים, ״השיבה שופטינו כבראשונה״, דאן איז מען מוסיף די בקשה ״והסר ממנו יגון ואנחה״? והלא פלא היא!

דער הייליגער יערות דבש זי״ע האט באגריפן די געוואלדיגע פלא, און אין זיין ערשטן דרוש (חלק א׳ דרוש א׳) וואו ער איז מבאר די כוונה פון אלע ברכות אין די שמו״ע, (וואס איז אגב א מנהג צו לערנען בימי חודש אלול), שרייבט ער בלשון קדשו: ״בברכת השיבה וכו׳, בתפלה זו יתפלל האדם על דייני ישראל שיהיו דיינים הגונים וישרים, לא דייני אלהי כסף, דייני בלי תורה, רודפי שלמונים, נוטים אחר הבצע ח״ו, כי אז הקב״ה נפרע מהם וממעמידיהם, ועל עוות הדין כמה מיני פורעניות בא לעולם, כמבואר בפרקי אבות (פ״ה מ״ח), אבל בזמן שהדיינים כשרים, הברכה שרויה בעולם, ולכך אמרו השיבה וכו׳ והסר ממנו יגון ואנחה, כי הא בהא תליא״.

ס׳כאפט א פחד פון די הייליגע ווערטער!

א איד דארף מתפלל זיין אויף ערליכע דיינים, ס׳זאל נישט זיין ביי כלל ישראל פאלשע דיינים וועלכע גייען נאך בלינד זייערע ראשים און זענען גרייט צו מעוות זיין דעם דין לטובת זייערע געהאלט-געבער, ווייל דאן איז דאס חלילה גורם א חרון אף אויף זיי און אויף די ראשים וואס האלטן זיי אויס, און גאר אסאך טראגעדיעס און צרות קומען דורך דעם אויף כלל ישראל, אבער ווען ס׳איז פאראן ערליכע דיינים, דאן איז א ברכה אויף די גאנצע וועלט. דעריבער ווען מ׳איז מתפלל ״השיבה שופטינו כבראשונה״, מ׳זאל האבן ערליכע דיינים, פירט מען אויס מיט די תפלה ובקשה ״והסר ממנו



# דער פאלשער ווידעא-טעיפ פונעם מסור

אין א פאלשן פרואוו צו ריין-וואשן דעם שענדליכן פנים פון דעם כת הולכים בערכאות ומסרבים לדין פונעם אומגלויבליכן בזיון המת, האט זייער שליח, דער טרויעריג באריהמטער לאנג יעריגער מלשין ומסור פון קרית יואל, י. וואלדמאן, ארויפגעלייגט אויפן טריפה'נעם אונטערנעט, ביים פריצות'דיגן אפטיילונג פון "יו-טוב", א "קליפ", כאילו מ'זעט ווי די בחורי חמד פון די ישיבה גדולה זאלן האבן געזינגען און געקלאטשט בשעת דעם קידוש ביה"ח אויף "פּאַללאַק'ס לאַט".

דער מסור וועלכער פלעגט שטענדיג שטיין אויף זיין פארטש אויף גארפילד רד. אין קרית יואל, קעגן איבער דעם ביהמ"ד הגדול, און פילמירט און רעקארדירט דאס באגלייטונג יעדן מוצאי שבועות, מוצאי שבת שבע ברכות, בצל קדשו פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, האט גענומען דעם פאקט אז עטליכע בחורים פון די דערנעבנדיגע ישיבה, האבן אויף עטליכע מינוט צוגעקוקט מיט נייגער ווי מ'איז מקדש "פּאַללאַק'ס לאַט", און דערצו צוגעשטיקלט א קאסעטע ווי מ'זינגט ביי איינע פון די באגלייטן ביים ברך משה זי"ע.

ווען וועלט וואלט געווען וועלט, וואלט מען זיך געוואנדן צו גדולי ישראל אז דאס איינע מאל זאל מען מתיר זיין צו פארשפרייטן דעם פאלשן ווידעא קליפ וואס דער מסור האט ארויפגעלייגט אויפן אונטערנעט, און זיך אליינס איבערצייגן דאס פאלשקייט און פרעכער שקר פון דעם קליפ.

אויף דעם ווידעא טעיפ, וואס געדויערט צען מינוטן מיט זעקס סקונדן, 10:06, ווען אימער מ'הערט זינגען, זעט מען בלויזביימער און גראז אזש עס קוקט אויס ווי א בת קול פון דערוויטעטנס. אויפן גאנצן קליפ זעט מען נישט איין איינציגן בחור זינגען, קלאטשן, אדער שרייען, חלילה.

אמת, מ'זעט פובליק סעיפטי און פאליצייי וועלכע זענען געקומען צו פארזיכערן אז דער מצב פארבלייבט רואיג, אבער וויבאלד זיי זעלבסט האבן געזען אז דער פאלשער אריינרוף צו די פאליציי, כאילו מ'ווארפט שטיינער און מ'שלאגט זיך, איז א פאלנער בלבול און שקר, האבן זיי זיך באלד געשעטלט אין די זייט.

אדרבה, אויף זיין טעיפ הערט מען ווי די אנוועזנדע זינגען דעם באקאנטן זיבעטן הקפה ניגון, מיט וועלכן מ'פלעגט באגלייטן דעם רבי'ן הברך משה זי"ע. לו יהא אז די בחורים וואלטן דארט געזינגען באותו מעמד, וואלטן זיי געטראפן פיל בעסערע ניגונים וואס וואלט זיך מער געפאסט צו אזא געשעעניש.

---

Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זצ"ל - בנשיאות רבינו הגה"ק שליט"א - בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

Central Office: 150 Rodney Street • Mailing Address: P.O.B. 506 • Brooklyn, NY 11211 • Tel. (718) 384-7449 • Fax: (718) 384-7455

בס"ד

יום א' פרשת תזו"מ תשס"ד לפ"ק

שוכט"ס לכבוד משפחת המנוח מו"ה ר' ע"ה

אזוי ווי מיר האבן שוין געשריבן צו אייך מערערע מאל איבער די שרעקליכע פירצה וואס איר האט עובר געווען אויף די הייליגע תקנה פון קהלתינו הקדושה און פון חברה קדישא, צו שטעלן א מצבה אן רשות פון קהל, און מיט דעם האט איר ליידער נותן יד געווען לפושעים.

דאס איז אויסער די געוואלדיגע צער פאר די נשמה בעולם העליון אויב עס פארבלייבט חובות פונעם נפטר בעלמא הדין, על אחת כמה וכמה אויב די קרקע מקום מנוחתו איז נישט באצאלט ווי עס דארף צו זיין עפ"י היושר והצדק ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים, ווי מיר האבן אייך שוין געשריבן. (עי' בספה"ק משמרת שלום ערך קבורה).

ע"כ געבן מיר אייך איצט דעם לעצטן ווארענונג אז אויב וועט דער פולער בעטרא נישט באצאלט ווערן פאר די קהלה הק', וועלן די חברה קדישא זיין געצווינגען אויסצופאלגן די קלארע הוראה מטעם הרבנים הגאונים הצדיקים חברי ביד"צ דקהלתינו הק' ובראשם כ"ק מרן רבינו שליט"א און אראפנעמען די מצבה כדת וכדין, ווי דיי האבן אייך שוין געמאלדן דערוועגן פערזענליך אין דייער בריוו צו אייך, א ויקרא העצל"ם.

ביטע זיך באווענען און נישט דיין קיין צושק לשבבה.

ויה"ר שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו ויבולע המות לנצח בביאת הגואל ומלכינו בראשינו בב"א

הנהלת הקהלה

פרעזידענט
ר' יעקב לתוא

וויס פרעזידענט
ר' שלמה זלמן סאנדער
ר' שאול פערלשטיין

פינאנץ סעקרעטאר
ר' חיים שלמה ווערטהיימער

טרעזשורער
ר' דוד הויער
ר' אליעזר בלאנצער

רואה חשבון
ר' זאב גליק

פראטאקאל סעקרעטאר
הרב ישעי' ברויס

פארשטאנד
ר' בנימין הירש
ר' ישעי' וויינשטאק
ר' שלמה אהרן פריעדמאן
ר' אברהם מאיר רייך
ר' אשר אלימלך פריעדלס
ר' יושע אריי' מאסקאוויטש

גבאים
ר' יעקב גליק
ר' מאיר שניטצלער
ר' יוסף אלי' שלעזינגער
ר' אביש וויינבערגער
ר' יוסף פאלאטשעק

סעקרעטאר
ר' יעקב צבי שטיינפעלד

סגן סעקרעטאר
ר' דוד הערש מערץ

---

004 11:16 7183872727 CHEVRE KADISHE

FAX NO. : Mar. 22 2004 03:27PM P1

חברה קדישא דקהל יטב לב דסאטמאר

Chevre Kadishe of Cong. Yetev Lev D'Satmar

152 Rodney Street Brooklyn N.Y. 11211

(718) 384-7449

פאר פראגן און קאמענטארן ביטע רופן: (845) 783-6332

בס"ד

יום א' פרשת ויקרא, כ"ח לחודש אדר, שנת תשס"ד לפ"ק

שוכט"ס לכבוד משפחת המנוח הרה"ח מו"ה ר' ע"ה

מיר ווילן אייך דא ערקלערן אז מיר האבן קיינמאל נישט געטרישט און שטעלונג בנוגע אז מיר געבן נישט קיין ערלויבעניש צו שטעלן א מצבה ביז עס ווערט אויסגעצאלט אלע התחייבות פאר קהל יטב לב. וואו דער נפטר איז געווען מיטגליד אלע זיינע יארן.

עס איז נישט קיין טובה פאר דעם נפטר ע"ה, אזוי א געהויבענער חשוב איד. ער זאל ליגן חלילה בקרקע שאינה שלו ר"ל. און עס לוינט זיך נישט צו מאכן עסק. און ברעכן א תקנה וואס גייט שוין אן במשך אלע יארן.

דעריבער ווילן מיר אייך מעלדן אז אויב דאס ענין וועט נישט ווערן ערלעדיגט, אין קורצן, וועלן מיר זיין געצווינגען אראפ צו נעמען די מצבה.

ביטע צו קענטעניס צו נעמען און געבן אנטווארט ווי שנעלער.

בשם הנהלת החברה קדישא

**סטראשענונג בריוון וואס די כת האט געשיקט צו א משפחה בימי אבלם, סטראשענדיג אז מען וועט ח"ו אראפנעמען א מציבה**













**די פיר הזמנות לדין תורה, וואס קהל יטב לב דסאטמאר האט ארויסגעשיקט פאר אכט יאר צוריק, פארן כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני, און זענען ליידער נישט געענטפערט געווארן ביזן היינטיגן טאג**

# למי "החותמת" ולמי הפסולים!

# מתוך דרשה

## אצל גענעראל פארזאמלונג יום ב' פר' וארא תשס"ח - בבית מדרשינו הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר וויליאמסבורג

..."א פאר יאר צוריק איז געווען די מעשה. שאול פערלשטיין האט גערעדט מיט אונזער ידיד און חבר הנהלת קהלתינו, הרה"ח ר' בערל יאקאבאוויטש הי"ו, האט ער אים געזאגט, אז דער גאנצער טעם פארוואס מ'גייט נישט צו דין תורה, איז ווייל דער רב [כ"ק מרן רבינו שליט"א] וויל נישט אונטערשרייבן שטרי בירורין. אזוי האבן זיי א שטיק צייט אנגעהויבן דעם קאמפיין, אז דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק, דעמאלט דער רב אין קרית יואל, דארף אונטערשרייבן. האט ער געזאגט פאר ר' בערל יאקאבאוויטש, אז ער זאל געוואויר ווערן אויב דער רב איז גרייט אונטערצושרייבן שטרי בירורין.

האט ר' בערל יאקבאוויטש אנגערופן דעם רבי'ן זאל זיין געזונט, און ס'האט נישט גענומען קיין האלבע שעה, ער האט אים צוריקגערופן, דער רבי זאגט בפירוש אז הונדערט פראצענט, אז ס'וועט זיין שטרי בירורין און א בית דין, שרייבט ער אונטער.

אבער, אנשטאט מ'זאל הערן א תשובה אז מ'גייט צו דין תורה, האבן זיי אַ פּאָר טאג שפעטער געהאט אן אסיפה אין עטרת אברהם, און דער זעלבער שאול פערלשטיין האט זיך נישט געשעמט, ער האט נישט געהאט וואס צו פארקויפן פאר זיין עולם, האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער האט געזאגט דארטן, פונקט דער היפך, אז דער גאנצער פראבלעם איז, "ווייל קרית יואל'ער רב וויל נישט אונטערשרייבן". דאס איז געווען דעמאלט אַ פּאָר יאָר צוריק.

### ועדיין השטן מרקד ביניהם!

צוויי וואכן צוריק, האט ר' בערל גערעדט מיט זיינס א חבר — איך האב נישט געבעטן פון יענעם רשות צו זאגן דעם נאמען, וועל איך נישט זאגן דעם נאמען ברבים — און ער האט זיך גע'טענה'ט מיט אים בנוגע דעם ענין, האט אים יענער געזאגט, עטץ גייטס נישט צו דין תורה, עטץ ווילטס נישט גיין צו דין תורה. האט ער אים געזאגט ס'איז פונקט דער היפוך, מיר האבן דאך די גאנצע צייט געבעטן צו גיין צו דין תורה. זאגט ער, יא אבער ענקער רב [רבינו שליט"א] האט דאך נישט געוואלט אונטערשרייבן, האט אים ר' בערל פארציילט די גאנצע מעשה וואס איך האב פריער פארציילט.

איז יענער געווארן נבהל ונשתומם. קען זיין מ'דארף טאקע מער רעדן דערפון און אלעס מער ארויסברענגען. איז יענער אריבערגעאנגען צו ר' זלמן לייב, און ער האט אים געפרעגט. יענער איז אַ גלייכער מענטש, ער האט דא קינדער ביי אונז, איז ער אריבערגעגאנען צו ר' זלמן לייב'ן, און אים געפרעגט "היתכן מ'גייט נישט צו דין תורה?". האט ער אים געזאגט, "דאס איז געווען פינף יאר צוריק האט מען געזאגט אז מ'איז גרייט אונטערצושרייבן, לאמיר נאר זען אויב יעצט איז ער [רבינו שליט"א] נאך אלץ גרייט אונטערצושרייבן".

איז געגאנגען ר' בערל יאקאבאוויטש, ער האט אנגערופן ר' אלישע הורוויץ, וואס ער וואוינט אין קרית יואל, ער זאל אריבערגיין פרעגן דעם רבי'ן שליט"א, אויב דער רבי איז נאך אלץ גרייט אונטערצושרייבן. האט אים דער רבי שליט"א געזאגט, "איך האב אלעמאל געזאגט, איך בין גרייט אונטערשרייבן ביי א בי"ד שטרי בירורין".

איז יענער צוריקגעגאנגען צו ר' זלמן לייב'ן, ער האט אים געזאגט, אז ר' בערל יאקאבאוויטש קומט יעצט מיט א פרישע מעסעדזש, אז דער רבי שליט"א איז גרייט אונטערצושרייבן. איז געווען די תשובה: "עה, איך בין נישט בעל הבית, איך בין נישט אינגאנצן בעל הבית, איך האב בעלי בתים, אברהם בער יאקאבאוויטש, שאול פערלשטיין, עה, איך קען נישט, איך ווייס נישט". דאס איז געווען פאריגע וואך.

### הולכים בערכאות ועוקרים גופי תורה

עכ"פ דאס דארף געזאגט ווערן ברבים, דאס איז דער אמת. זיי ווילן נישט קומען צו דין תורה. ס'איז א חרפה און א בושה, סוף כל סוף זענען זיי אידן, זיידעס, זיי האבן אייניקלעך, זיי האבן שוין באלד אור-אייניקלעך, זיי ווייזן א וועג אז מ'פייפט זיך אויס אויף די תורה.

מיר שרייען אויס נאכאמאל און נאכאמאל, "מיר זענען גרייט צו גיין צו א בית דין המרוצה לשתי הצדדים, אדער צו זבל"א, וואס איז כמעט די איינציגסטע וועג, און מיר זענען גרייט צו גיין שוין יעצט אָן קיין שום איחור. און אויב ווילן זיי זאגן אַ תירוץ אז "אין נזקקין", זאגן מיר בפירוש: אדרבה, זאל דאס דער בי"ד פסק'נען, די ערשטע שאלה זאל זיין, אויב ס'איז "נזקקין" אדער נישט, און אז דער בי"ד וועט פסק'נען אז נישט, זענען זיי פּטור.

At IAS Commercial Part I of the Supreme Court of the State of New York, County of Kings, at the Courthouse, 360 Adams Street, Brooklyn, New York, held on the 14th day of January, 2009.

PRESENT: Hon. C E DEMAREST, J.

WILMOS FRIEDMAN, HERMAN KAHAN, ZIGMOND BRACH, JOSE MASRI, ERVIN ROSNER, MORRIS FRIEDMAN, JOSEPH EPSTEIN, HERMAN LANDAU, MOSES SPIELMAN and all others similarly situated,

Plaintiffs,

-against-

CYL CEMETERY, INC., CONGREGATION YETEV LEV D'SATMAR, INC., CHEVRE KADISHE D'SATMAR, a division of CONGREGATION YETEV LEV D'SATMAR, INC., CONGREGATION YETEV LEV D'SATMAR OF KIRYAS JOEL, INC., CENTRAL CONGREGATION YETEV LEV D'SATMAR, INC., RABBI EZRIEL GLUCK, JOSEPH WEISS, MOSES WITRIOL, NEW YORK STATE POLICE, DAVID MARKOWITZ, CHAIM ELIEZER GROSS, JOEL KAUFMAN, DAVID EKSTEIN, ELIAS HOROWITZ, and SHLOMO WERTZBERGER,

Defendants.

INDEX NO.: 33481/08

ORDER TO SHOW CAUSE

ASSIGNED TO: HON. CAROLYN E. DEMAREST

PFC(P)

PLEASE TAKE NOTICE, THAT THE PURPOSE OF THIS HEARING IS TO PUNISH DEFENDANTS JOSEPH WEISS AND JOEL KAUFMAN FOR CONTEMPT OF COURT AND SUCH PUNISHMENT MAY CONSIST OF A FINE OR IMPRISONMENT OR BOTH ACCORDING TO LAW

KINGS COUNTY CLERK
FEE PD $ 45 00

WARNING

YOUR FAILURE TO APPEAR IN COURT MAY RESULT IN YOUR IMMEDIATE ARREST AND IMPRISONMENT FOR CONTEMPT OF COURT

Upon the annexed Affirmations of David B. Hamm, Chaim Jacobowitz and Samuel Kestenbaum, and Exhibits annexed thereto; upon the

**הליכה לערכאות בלי שום הזמנה לדין תורה, דורך 9 מרימי יד בתורת משה, איבער'ן בית החיים דקהלתינו אין קרית יואל**

# וויינט ווי דער ״קאזאק הנגזל״

יגון ואנחה״, נעם אוועק פון אונז טרויער און קרעכצן, ווייל איינס ברענגט דאס צווייטע!

פונקן פייער!

שטייט מען דארט ביי די לוי׳, א צייט ווען מ׳דארף זיך בארעכענען, מ׳דארף מקיים זיין דעם ״לכו ונשובה אל ה׳״, והחי יתן אל לבו, טייטלט מען דעם באשולדיגונגס פינגער אויף יעדן ארום, אחוץ נישט אויף זיך זעלבסט.

הגם קיינער קען נישט זאגן און טייטלן מיטן פינגער על מה עשה ה׳ ככה לקהלה הזאת, אבער דער חיוב איז מוטל אקרקפתא דגברא צו הערן דעם הייליגן דעת תורה ממשנתו של רבינו הקדוש והטהור זי״ע, דער מייסד פון די הייליגע קריה נאמנה קרית יואל, נייתי ספר ונחזי, לאמיר זען דעם לשון בוטה כמדקרות חרב, וואס רביה״ק זי״ע שרייבט אין די ערשטע פאראגראפן צו זיין הייליגע הקדמה צום ספר הקדוש ויואל משה:

וזה לשון קדשו: ״הנה מלפנים בישראל בכל הדורות כשהגיעה עת צרה ליעקב, חקרו ודרשו מה זה ועל מה זה, איזה עון גרם להביא לידי כך, לשים לב לתקן ולשוב אל השי״ת כמדצינו בקראי ובתלמוד וכו׳, שבכל מקום שמזכיר הצרה מזכיר גם כן החטא שיהא הסיבה שהביאה את הצרה הזאת, למען נשוב אל ה׳ בכל לבבינו ולא יוסיף לדאבה אותנו״, עכלה״ק והנורא.

אנשטאט מ׳זאל ביי אזא עת הכושר אפשטעלן דעם אש המחלוקת דורך אונטערשרייבן שטרי בירורין, אדער זיך לכל-הפחות מתחייב זיין דאס צו טוהן, און דערמיט וואלט מען געטוהן א באזונדערן נחת רוח פאר די נשמה, ער זאל קענען מקיים זיין דעם ״ושכבתי עם אבותי״, נאכדעם וואס זיין זיידע און באבע לבית לעפקאוויטש ז״ל זענען נטמן אינעם בית החיים אין קרית יואל. וואס צו דעם האבן אידן בכל הדורות אזוי משתוקק געווען עד היום הזה, אזש מ׳האט אפילו מתיר געווען מטמין צו זיין על תנאי און דערנאך מפנה זיין, אדער אויפהאלטן עטליכע טעג די קבורה, כדי צו קומען לקבורת אבותיו. - קומט מען און מ׳שרייעט אויף יענעם ״גנבים, גזלנים, חמסנים״?

האט מען נאך די חוצפה צו באשולדיגן ״יענעם״ אין אזא טראגעדיע?!

אויב האבן די מסרבים לדין געמיינט אין תש״ס, אז חלילה וחס אין מנהיג לבירה און ס׳איז הפקר וועלט, מ׳וועט גנב׳ענען, ראבעווען, גזל׳ען, חמס׳נען, און אלעס וועט זיין עולם כמנהגו נוהג, לית דין ולית דיין, זענען זיי געוואויר געווארן באלד צען יאר שפעטער, אז ס׳איז ״לא לעולם חוסן״, ס׳איז דא א באשעפער אויף די וועלט, ס׳איז דא א תורה הקדושה וואס איז סוף כל סוף מנצח, די תורה הקדושה איז א נצחיות.

און געדענקן זאלן זיי אויף ווייטער, עס איז יעצט אלול תשס״ט, ס׳איז פאריבער צען יאר זינט די השחתה איז אריין אין קראפט, קאמבאנירט מיט גניבה, גזילה, וחמסנות. אין די פארלאפענע צען יאר איז כמעט נישט אריבער א טאג וואס דער אמת׳ער כת ״גנבים, גזלנים, וחמסנים״ שפייען נישט בלוט אויף די הרחבת גבולי הקדושה פון די ערליכע קהל יטב לב ד׳סאטמאר, און אין די זעלבע צייט שפארט מען נישט קיין צייט, קיין כח, קיין געלט צו באקעמפן די גניבה וגזילה וחמסנות הן על פי תורה והן על פי חוקי המדינה.

איז דאס געווען דער ארגינעלער פלאן, אז חוץ מהרס צו זיין און טאג-און-נאכט שימפן און שעלטן, וועט מען פון איין זייט זען א געוואלדיגע הרחבת כח הקדושה, כח התורה און כח הנהגה ביים גאנצן יהדות החרדית הצרופה, און פון די אנדערע זייט זיך איבערצייגן אין א אפגעפרעגטע פארטיי מיט א דעמאראליזירטע הנהגה, פוסט און ליידיג, מראשית השנה ועד אחרית שנה?!

משיח זאל אודאי פריער קומען, טויזנטער און טויזנטער זענען נישט מוותר אויף די ״גניבה, גזילה, וחמסנות״, און זענען מתפלל צו השי״ת להציל עשוק מיד עשקו, און על פי תורה וועט מען ווייטער טוהן להצלת נכסי הקהלה והמוסדות, אפגעזען צי דער ״קאזאק הנגזל״ וועט ווייטער ברעטשקענען ״גנבים, גזלנים, חמסנים״, און אפגעזען אויב לפי דעתו הנשגב וועט מען קענען דערויף ״תשובה טוהן״...

יעצט ווען ס׳איז ליידער מקויים געווארן דער פסוק התוכחה (ירמי׳ ל יד) ״כי מכת אויב הכיתיך מוסר אכזרי על רב עונך עצמו חטאתיך״, מ׳איז ליידער געשלאגן געווארן מיט אזא טראגישן בראך, און דער דאטום פון די טראגעדיע איז געווען אין סאמע ״ראש חודש אלול״ וואס ווירקט ביי יעדן ערליכן איד צו נתעורר ווערן לתשובה ותיקון המעשים, לאמיר האפן אז טראץ די השחתה ועבירות גדולות וואס די מחללי שם שמים בפרהסיא האבן פראקטיצירט אין דעם ערשטן טאג פון חודש אלול, וועלן זיי אצינדער משים על הלב זיין און מתחרט זיין אויף זייערע מעשים מגונים ונשחתים, דורך מפייס זיין די חשובע און ביטערע אלמנה שתחי׳ און צובראכענע יתומים ויתומות שיחיו, קעגן וועמען מ׳האט זיך אין יענעם ביטערן טאג באנומען מיט נאצישע מיטלען, אויפקלערן דעם אייגענעם ציבור אז ״אצבע אלקים הוא״, און נתעורר ווערן צו תשובה.

יא, זיכער זענען מיר גרייט אז ״דער ארגאן פון אומאפענגיגן ארטאדאקסישן אידנטום״ וועט די היינטיגע וואך אויסגיסן א קיתון של שופכין מיט קללות חירופים וגידופים, אביסעלע א שמיץ-אריבער פון זייער וועכנטליכן סטיל, אבער אחרי ככלות הכל, נאך אלע קללות און שמוציגע ווערטער, נאך אלע בלבולים, וועט כלל ישראל מסוף העולם ועד סופו, פרעגן איין גרויסע פראגע:

1. ״וואס״ האט מען געבעטן?

2. און ״פארוואס״ גייט מען נישט צו דין תורה?

לחרפה ולדראון עולם וועלן די אלע געדענקט ווערן.

*

שם ישבנו גם בכינו, אינצווישן די ״גניבה-גזילה-חמסנות״ אויסברוך, האבן מיר געהערט נאך עפעס אומפארשטענדליכע ווערטער, לאמור, אזוי צו זאגן, אז ״זיי [די ערליכע ראשי הקהלה וחברה קדישא] וועלן קיינמאל נישט קענען קיין תשובה טוהן״.

מיר ערלויבן זיך אבער, במחילת כבודו, אים צו לאזן וויסן, אז ״אין לך דבר העומד בפני התשובה״, ער קען נאך יא תשובה טוהן, אפילו ער האט דעם רעכט פון אונז אוועקגענומען.

יעצט אין דעם חודש התשובה קען ער תשובה טוהן און זיך שטעלן צו דין תורה; ער קען אומקערן די בנינים פון די קהלה; ער קען מחזיר זיין די גע׳גזל׳טע בנינים פון די מוסדות; ער קען ארויסגיין פון געריכט אין ברוקלין; ער קען ארויסגיין פונעם אפעלאט געריכט אין ברוקלין; ער קען ארויסגיין פון געריכט אין אראנדזש קאונטי; ער קען ארויסגיין פון ציוניסטישן בג״ץ.

ער קען מקדש זיין שם שמים, זיך אויפשטעלן אין בית המדרש און מודה זיין על האמת. יא, ״יש קונה עולמו בשעה אחת״, ער האט נאך יא א פתח פתוח פאר תשובה ותיקון המעשים, ער האט נאך יא די געלעגנהייט זיך זאפארט צו שטעלן צו דין תורה כהלכות גוברין יהודאין, זאל ער אויסנוצן דעם זמן תשובה און דאס וועט זיין א געוואלדיגע זכות פאר די נשמה וועמען ער האט אזוי שוידערליך באוויינט.

מיר קוקן ארויס אין דעם יעצטיגן עת תשובה ער זאל טאקע יא תשובה טוהן, ער זאל למען השלום צוריקגעבן דאס ביהמ״ד אויף בעדפארד עוו. ביי ווילסאן סט. וואס ער האט בא׳גזל׳ט און דאס פארוואנדלט אין א ערב פסח מארק, חתונה זאל און לאקאל פאר נעילת החג צערעמאניעס; ער זאל זאפארט אפשטעלן דעם אש המחלוקת; לאמיר אינאיינעם אויפהערן צו שטאפן די אדוואקאטן יערליך מיט מיליאנען דאללארן; לאמיר טוהן לכל הפחות אזוי ווי עס האבן געטוהן די קהלות ועדות קדושות בישראל וואס הגם זייערע מייסדים זענען געווען ממתירי הבחירות הטמאות דאך פארשטייען זיי אז צו א סכסוך אינערהאלב די קהלה גייט מען צו א אידישן בית דין און נישט אין געריכט. ס׳איז העת גרמא, יעצט ווען די אויגן זענען נאכנישט פארווישט, לכו ונשובה אל ה׳ כי הוא טרף וירפאנו יך ויחבשנו.

יא, מ׳קען נאך תשובה טוהן און מקיים זיין ״והשיב את הגזילה״.

הגם דעם ״והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם״ וואס איז דער וואונטש ביי יעדן איד, ובפרט בעת א שמחה, וואס ער האט מיט בארבארישע הענט צוגע׳גזל׳ט פון זיין הייליגן פאטער רביה״ק בעל ברך משה זי״ע, דאס איז שוין א ״מעוות לא יוכל לתקן וחסרון לא יוכל להמנות״. — אבער וואס ס׳ליגט נאך בידיו לעת עתה, קען מען חוזר בתשובה זיין.

פארוואס זאלן די מנהיגים פון די קהלות ועדות מתירי הבחירות הטמאות זיך טרעפן בעולם העליון מיט אונזערע אבות ואבות אבותינו נבג״מ, און דער פנים זאל פלאמען פאר בושה, לאמר, אזוי צו זאגן, די קהלות וואס גייען צו די בחירות און נעמען געלט ממקורות זרים וממשלת הכופרים, אויב עס ברעכט אויס א סכסוך בקרב קהלותיהם, איז מען זיך דן ביי א אידישן בית דין בישראל, סיי אין אמעריקא און סיי אין ארץ ישראל, ולעומת זה, (אוי, פלאמט דער פנים פאר בושה!), אזעלכע וועלכע דארפן דינען אלס די פאן-טרעגער פונעם יהדות החרדית הנאמנה על פי דרכו והשקפתו ושיטתו הברורה ממרן רבינו קוה״ק בעל דברי יואל זי״ע, זענען גאר וועלט בארימט אלס מחללי שם שמים ומרימים יד בתורת משה רבינו ע״ה?! ואנה נוליך את חרפתינו, חס מלהזכיר!

יעצט איז דער זמן גרמא צו כאפן א הרהור תשובה!

לאמיר האפן אז דער יעצטיגער מאמענט פון התבוננות ותיקון המעשים וועט אויפוואכן די יעניגע ערפי לב, זיך צו בארעכענען פון זייערע מעשים שפלים ונבזים מיט מחלוקת ושנאת חנם אן אויפהער, ובפרט מיט די נאכאנאנדיגע תביעות בערכאות של עכו״ם, לאמיר זיך בארעכענען אז ס׳איז א צייט ווען מ׳פאדערט עפעס פון הימל, דער רבוש״ע קוקט ארויס און ווארט אויף א הרהור תשובה, לאמיר זיך אינאיינעם בארעכענען און אפשטעלן דעם אש המחלוקת, און נאר אזוי איז צו האפן אז ס׳וועט בקרוב מקויים ווערן דער פסוק, ״והסירותי לב האבן מבשרם ונתתי להם לב בשר״, זיך צו קענען פירן מיט די אמת׳ע דרכי התורה, און דאן וועט זיין ״וגלותי בירושלים וששתי בעמי ולא ישמע בה עוד קול בכי וקול זעקה״ (ישעי׳ סה יט), בביאת הגואל בב״א.

# לפנים משורת הדין

"דברים כהוייתן" פון יום ה' פר' שופטים, א דר"ח אלול תשס"ט לפ"ק

וואלט דאס נישט געווען א תביעה קעגן די ראשי הקהלה מצד די ערליכע דיינים ורבנים שליט"א וועלכע האבן אין די לעצטע יארן משתדל געווען צו ברענגען דעם סכסוך פאר א בית דין בישראל, און אלע ערליכע מיטגלידער פון די קהלה, אויב מ'וואלט דעם יעצטיגן פאל פון "יכנע לבבו הערל" אין אזא טראגישע צייט, אדורכגעלאזט גלאט אן דאס מינדעסטע השתדלות צו גיין צו דין תורה בישראל, און איינשפארן מיליאנען דאללארן ממון ישראל אין אזא שווערע פינאנציעלע תקופה, ווען יעדע דאללער פאר קהל'ס קאסע קומט אן ביטער שווער?!

אויב איז אין די ענדע ארויסגעקומען סיי וועלכע "בזיון המת", איז דאס נישט געווען בלויז צוליב ווייל ס'איז געווען "כאכזר אב על בנים"?! דער אייגענער פאטער וואס האט ליידער מקיים געווען דעם פסוק (משלי יא יז) "ועוכר שארו אכזרי", ווי רש"י הק' טייטשט דאס, "האכזרי הוא עוכר את קרוביו", דער ריכטיגער אכזר איז דער וואס שוינט נישט אפ אפילו זיינע אייגענע קרובים און נאענטע.

## איז טאקע נישט געווען קיין ברירה?

א חלק פונעם גרויסן שקר האט געלויטעט, אז מ'איז ממש געווען "געצווינגען" צו מקדש זיין אן אייגענעם בית החיים אום ראש חודש נגד ההלכה ונגד המסורה, ווייל ס'האט זיך געהאנדלט פון א "מת מצוה"... ווען מ'קען ווען דעם נפטר אוועקלייגן תיכף ומיד אויפן בית עלמין פון בני יואל.

די ערליכע חברה קדישא לייט, האבן פון די ערשטע מינוט געהאט פאר די אויגן דעם פאקט אז סוף כל סוף וועט דער צד שכנגד סיי-ווי גאר אין גאר נאענטן באנייען א בית החיים אויף "פָאללאַק'ס לאַט", האבנדיג א פארבינדונג צווישן דעם "ווילעדזש" פון קרית יואל מיטן "טאון און מאנראו" (וואו דער נייער לאט געפינט זיך, אינדרויסן פון די גבולות פון דעם הייליגן שטעטל "קרית יואל" וואס איז מיסודו פון רביה"ק זי"ע), האט מען שוין אנהייב וואך פר' שופטים געהערט פון די שכינות'דיגע באאמטע אז מ'איז גרייט צו באנייען א בית החיים, מ'ווארט נאר אויף א געוויסע געלעגנהייט, על כל צרה שלא תבוא.

דאס איז אויך קלאר געווארן געשריבן אינעם "רעקארד", פאראגנגענעם פרייטאג עש"ק Aug 21, 2009, א טאג נאכן באהאלטן דעם נפטר אויף "פָאללאַק'ס לאַט", אז שוין א וואך פריער האט מען אריינגעגעבן א פארלאנג צו עפענען א בית החיים. זיי שרייבן ווי פאלגענד: The application for a cemetery on Raywood Drive went before the Monroe Planning Board for the first time a week earlier, but no decision was rendered..

אין אידישע איבערזעצונג: "די אפליקאציע פאר א סעמעטערי אויף רעיוואוד דרייוו איז אנגעקומען פארנט פונעם "מאנראו פלעננינג באאורד" צום ערשטן מאל א וואך פריער, אבער קיין באשלוסן איז נישט געענטפערט געווארן".

דאס גאנצע איבריגס, איז בלויז אן אן אנשטעל כאילו מ'האט זיי "ארויפגעצווינגען" צו מאכן א בית החיים, אן פריערדיגע ערנסטע פלענער. יבואו הדברים ויטפחו על פניהם.

א טאג דערויף שבת קודש שופטים, Aug 22, 2009, האט דער "רעקארד" איבערגע'חזר'ט אקוראשט די זעלבע ווערטער, באגלייט מיט א בילד פונעם אפענעם אויפגעגראבענעם קבר, אנצוציינן אז דאס איז דער ערשטער קבר אינעם "פארלאנגטן סעמעטערי" אויף "פָאללאַק'ס לאַט".

*

אין די לעצטע טעג האט מען געהערט אויסברוכן פון "בזיון המת". ס'קוקט זיך צו מיט וואונדער, אז די אלע וואס זענען נאכן הסתלקות פון רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע געווען פארנומען מיט די סוגיא אז "אין קוברין וכו' אצל צדיק", וואס מיט דעם האט מען גורם געווען דעם גרעסטן "בזיון המת" פאר א רבן של ישראל, ס'איז געווען "מחוצפים מקרקרין בהיכלו" אינעם אוהל הקדוש מיט קולי קולות, געווארפן פאשקעווילן, א.א.וו. אט די זענען יעצט פארנומען צו שרייען "בזיון המת"? ווען מ'קען ווען דעם נפטר אוועקלייגן תיכף ומיד אויפן בית עלמין פונעם גע'אסור'טן בני יואל.

און וואו איז געווען זייער חשש פאר "בזיון המת" ווען מ'האט געלאזט דעם ארון הקודש פון רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע ווארטן אומזיסט העכער צוויי שעה ביים "סלאטסבורג רעסט עריע" פאר ענגע פאליטישע אינטערעסן, באישון לילה בליל כ"ז ניסן, איידער ער איז געקומען לקבורה נעבן דודו הקדוש רבינו זי"ע?

## ספרי חיים וספרי מתים פתוחין

לדורות עולם וועט געדענקט ווערן דער פאקט, אז דער נייער בית עלמין אויף "פָאללאַק'ס לאַט" איז געגרינדעט געווארן בכוונה צו קענען פארזעצן מיט גניבה וגזילה, הליכה בערכאות והרמת יד בתות משה רבינו ע"ה, השחתה לצער רבבות אלפי ישראל, מחלוקת ושנאת חנם, וכל תקלה וכל קטטה, בזיון תלמידי חכמים וכבוד תורתינו הק', כבוד רבותינו הקדושים זי"ע, צער האלמנה, צער יתומים ויתומות, צער ושברון לב פון די בני המשפחה.

רבינו הק' זי"ע זאגט אין די מאמרים אויף ראש השנה, אויף די גמרא אין מס' ערכין (דף י' ע"ב), "מפני מה אין ישראל אומרים שירה בר"ה וביום הכפורים, אמר להן אפשר מלך יושב על כסא הדין, וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו, וישראל אומרים שירה לפני". פרעגט דער רבי זי"ע וואו קומט ספרי מתים אין ראש השנה? צו וואס איז מען דן די אידן וועלכע זענען שוין בעלמא דקשוט אין דעם יום הדין?

האט דער רבי זי"ע דערמאנט דעם ענין פון חיטוטי שכבי, אז אין די ימי הדין איז מען דן די מתים אשר בארץ המה אויב אינעם קומענדיגן יאר זאלן זיי רוען במנוחה נכונה, ינוחו בשלום על משכבם, אדער מ'זאל חלילה צושטערן זייער מנוחה דורך חיטוטי שכבי ר"ל.

לעניננו, דער מנהיג און זיינע שלוחים וועלכע האבן אריינגעפירט דעם הייליגן בית החיים, מקום מנוחת קדשם פון רבותינו הק' זי"ע, בערכאות של עכו"ם שלא ברשות בי"ד, מיט א פרעכע הרמת יד בתורת משה וייקור שם אלילים, און עס געפינען זיך אין די שופלאדן און ארכיוון פון די געריכט הייזער טויזנטער און טויזנטער דאקומענטן מיט אלע איינצלהייטן איבער דעם מקום קדוש, "בית החיים דקהל יטב לב ד'סאטמאר אין קרית יואל", וואס פאר א צער און הימלישער ווייטאג איז דאס פאר די אלע נשמות וואס זייערע גופים זענען דארט נטמן געווארן מיט יארן פריער?! וואס א צער איז דאס פאר מרן הקדוש רבינו יואל זי"ע אז אינו-יהודים וועלן באשליסן דעם שיקזאל איבערן בעלות פון מקום מנוחת קדשו חלקת מחוקק ספון, צי דאס וועלן זיין די ערליכע ראשי הקהלה אדער חלילה די הולכים בערכאות ומרימים יד בתורת משה ומנאצי ה', די טרויעריג בארימטע כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני, וועלכע האבן שלא ברשות בי"ד אריינגעפירט דעם בית החיים אין די געריכט הייזער פון קינגס-קאונטי און אראנדזש-קאונטי.

"ספרי מתים פתוחים לפניו". קומענדיגן ראש השנה תש"ע הבעל"ט, וועט מען ווידער דן זיין צי די מרימי יד בתורת משה ע"ה ועוקרי הדת, וועלן פארזעצן מיט זייער הליכה בערכאות, צי סוף כל סוף וועלן זיי תשובה טוהן און אונטערשרייבן שטרי בירורין זיך מתדיין צו זיין ביי א בית דין המרוצה לשני הצדדים. לאמיר האפן אז די מתים ונעדרים, הקדושים אשר בארץ החיים המה, וועלן זיין זוכה בדינם, צו פארשריבן ווערן צו א כתיבה וחתימה טובה, אז זייער שיקזאל זאל אנטשידן ווערן ביי א אידישן בית דין.

אין די זעלבע צייט איז אויך די תפלה אז דער "מטיל אימה על הציבור" זאל לאזן במנוחה די "ספרי חיים", די לעבעדיגע חברי הקהלה, וואס צוליב זיינע עגאאיסטישע אמביציעס שלעפט מען ארויס פונעם ציבור, משני הצדדים, מיליאנען דאללארן ממון ישראל, וואס ווערט פארשווענדעט אויף אדוואקאטן, ווען מ'קען נוצן די ריזן סכומים געלטער פאר הרחבת גבולי הקדושה, הן בכלליות און הן אין יעדן אידישע שטוב.

Cong. Yetev Lev
D'Satmar

קהל יטב לב
ד'סאטמאר

163 Rodney Street · Brooklyn NY 11211 · Tel: 718-302-6720 x 207 · Fax: 718-865-0964

בס"ד

יום ה' לסדר ראשיכם שבטיכם וכו' כל איש ישראל תשס"ח לפ"ק

לכבוד תלמידי וחסידי סאטמאר, אנשי שלומינו וחברי קהלתינו הע"י.

די עלטערע פון אונז, געדענקן נאך די הארוואניע און הייליגע כוחות וואס רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע האט אריינגעלייגט מייסד צו זיין די קהלה קדושה און באגלייטן אירע פעולות, ווי אויך די כוחות און שוועריגקייטן וואס רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע האט געווידמעט צו באשוצן און אפצוראטעווען די הארוואניע פון זיין הייליגען פעטער אז עס זאל נישט גיין לאיבוד ח"ו.

עס איז קלאר מפיהם ומפי כתבם, אז רצון קדשם איז געווען אז די קהלה והמוסדות זאלען זיך פירן על מי מנוחות אונטער אן ערנסטע תורה'דיגע הנהגה אזוי ווי א קהלה דארף זיך פירן, לויט דעס סדר וואס איז פארגעשריבן געווארן אין די שטאטוטען, וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אליינס בודק געווען און מגיה געווען בעינא פקיחא.

כדי די הייליגע קהלה זאל קענען פונקציאנירן אזוי ווי עס דארף, איז נויטיג פעסטצושטעלן ווער עס איז א מעמבער און קלאר מאכן וואס די געגנזייטיגע התחייבות זענען, כדי אז אלע וואס ווילן געניסן פון די רוחניותדיגע זכותים וואס קומט זיך פאר מעמבערס זאלן אויך וויסען זייערע פליכטען כלפי די קהלה הקדושה.

אין די לעצטע תקופה זענען אויפגעשטאנען יחידים מיט'ן ציעל פון שטערן דעם וואוקס פון אונזער הייליגע קהלה. די דאזיגע יחידים האבען אויף פארשידענע אופנים געשטערט די הנהגה רוחנית, ווי אויך די פעולות פון די ערוויילטע חברי האקרו"ט, און במשך הזמן האבען זיי באוויזען צו קאסירן דמי חבר פון תמימי לב, ווי אויך צוצונעמען אנדערע הכנסות פון די קהלה והמוסדות.

טראץ אלע פאדערונגען לדין תורה, האבען זיי זיך שטענדיג משתמט געווען, מיט פארשידענע לעכערליכע אויסריידן, און ממשיך געווען פוסע צו זיין על ראשי עם קודש נגד דת תורתינו הק', מבטל צו זיין בכח הזרוע לאנג-יעהריגע חזקות, מקפח זיין פרנסות, ועל כולם האבען זיי ממשיך געווען מועל צו זיין און די הקדש געלטער פון די קהלה והמוסדות ווען אימער עס איז זיי געלונגען.

עס איז איבעריג צו זאגן אז די אידן וואס האבן זיי געגעבן געלט אפילו בטעות אדער בשוגג, האבען זיי מיט דעם נישט ערפילט זייער התחייבות פאר קופת הקהל. כל זמן די דאזיגע משתמטים שטעלן זיך נישט צו דין תורה און עס איז קומט ארויס א פסק דין לטובתם, האבען זיי נישט קיין שום רעכט זיך משתלט צו זיין און צו נעמען געלט וואס געהער פאר קופת הקהל, דאס איז קלאר עפ"י דינא דשו"ע, און חוץ מזה עס איז שוין נישט איינמאל קלאר געשטעלט געווארן אז אויך מצד חוקי המדינה האבען זיי נישט קיין שום אוטאריזאציע צו קאסירן געלט און קיין שום בעלות אויף די נכסים וואס איז אונטער דעם נאמען פון קהלתינו הק'.

מיר ווילן דא קלאר מאכן די שטעלונג פון קהלתינו הק'.

1) קהל אז מוכן צו פארקוקען דעם עבר און איז גרייט אנצונעמען אלע אנשי שלומינו אלץ מעמבערס בקהלתינו הק' כל זמן זייער התנהגות איז אין איינקלאנג מיט די כללים פארגעשריבן אין די שטאטוטען (לויט די הכרעה פון דעם וועד בצירוף דייני קהלתינו הק'), אפילו אויב זיי זענען נישט געווען קיין מעמבערס בעבר אדער זיי האבן פארנאכלעסיגט אנצוהאלטן זייער מעמבערשיפ.

2) אויף אלע סכומים וואס זענען געצאלט געווארן אומפארזיכטיגערהייט, פאר די אומאוטאריזירטע יחידים, געלט וואס איז קיינמאל נישט אנגעקומען לקופת הקהל, וועט זיך קהל משתדל זיין אויסצוארבייטן א יושר'דיגן מהלך צו פארלייכטערן פאר די באטרעפענדע און ראטעווען דעם הפסד, ווי ווייט מעגליך.

די דאזיגע שריט פון קהל איז א צייטווייליגע אמנעסטיע לפנים משורת הדין, **<u>בלויז ביז כ"א כסלו הבעל"ט</u>**, עס איז געציעלט צו פארלייכטערן פאר די אנשי שלומינו וועלכע פארבינדן זיך מיט קהל תיכף ומיד אויסצוגלייכן די גרייזען פונ'ם עבר אין זענען גרייט אנצוהייבן א נייע בלעטעל. ווער עס וועט זיך אבער נישט מעלדן ביז דעם אויבענדערמאנטן זמן, וועט אנגענומען

ווערן ביי די הנהלת הקהלה אז ער האט נישט קיין אינטערעסע צו זיין א חלק פון די הייליגע סאטמארע קהלה און ער וועט באטראכט ווערן ווי א פרעמדער לגמרי, לגבי אלע קהל'ישע בענעפיטן, ואיהו דאפסיד אנפשי'.

איבעריג צו באטאנען אז ווען איינער וועט געבן הקדש געלט פאר די אומאוטאריזירטע יחידים **מהיום והלאה**, זאל ער וויסן אז קהל וועט דאס צוריק פאדערן פון איהם בזה ובבא, און נישט מוותר זיין, און עס וועט קלאר ווערן למפרע אז הניח מעותיו על קרן הצבי.

וכאן המקום להודיע, איינמאל פאר אלעמאל, אז אלע הבטחות פון די דאזיגע משתלטים האבען נישט קיין ממש. קהלתינו הק' וועט זיך נישט מטפל זיין יעדעס מאל באזונדער אפצולייקענען זייערע פאלשע פארזיכערונגען און ערקלערונגען. יעדער בר דעת וואס וויל וויסען דעם אמת, ווייסט גאנץ גוט נישט זיך סומך צו זיין אויף זייערע שקרים און דמיונות, וחבר אין צריך התראה. די איינציגע מיט וועמען מען קען באהאנדלען פראגן פון מעמבערשיפ אדער פון איינקויפן א חלקה אין ביה"ח, זענען די לעגיטימע פארטרעטער פון קהל און פון חי"ק אויף טעל. **718-302-4448** , און ח"ו על כל צרה שלא תבא מיט ר' יוסף ווייס **845-551-5554** אדער ר' יואל קויפמאן **917-747-6535**.

גלייכצייטיג אז וויכטיג קלאר צו מאכן אז דער זכות קבורה פאר מעמבערס, אין אונזערע בית החיים אין ניו דזשערזי **(New Jersey)**, איז אויטאמאטיש. א יעדער אויסגעצאלטער מעמבער איז בארעכטיגט צו א מקום קבורה אין דעם אויבענערוועהנטן ביה"ח אהן קיין שום באזונדערן אפצאל ***(חוץ די הוצאות פאר דורכפירן די קבורה).***

דער זכות צו באקומען א חלקה אין דעם ביה"ח אין קרית יואל אשר שם חלקת מחוקק ספון **איז נישט אויטאמאטיש** אפילו פאר מעמבערס, עס איז מיועד בלויז פאר די ספעציעלע מעמבערס וואס זענען ראוי דערצו לפי ראות עיני הוועד בהתייעצות עם דייני קהלתינו הק' און בלויז פאר די וואס האבן בנוסף לזה באזונדער איינגעקויפט דעם ספעציעלן זכות, און ערהאלטן א סערטיפיקאט פון די חי"ק, לויט ווי עס איז שוין איינגעפירט בקהלתינו הק' זייט דער ביה"ח איז נתקדש געווארן מיט קרוב צו דרייסיג יאר צוריק.

כדי צו באווארענען געגן אקטועלע ווי אויך געגן פאטענציעלע זיופים, האט די חי"ק שוין מפרסם געווען אז אלע אלטע סערטיפיקאטן מוזן איבערגעקוקט ווערן דורך די חי"ק, און אלע לעגיטימע איינגעקויפטע מעמבערס וועלן ערהאלטען א נייעם סערטיפיקאט צו ערזעצן דאס אלטע, וואס דאס וועט דינען אלץ די איינציגע לעגיטימע און אנערקענטע הוכחה. די וואס וועלן נישט האבען ארויסגענומען דעם נייעם סערטיפיקאט ביז כ"א כסלו הבעל"ט וועלען מער נישט קענען נוצן די אלטע דאקומענטן אלץ הוכחה.

ווען איינער איז נישט קיין מעמבער, קען ער נישט איינקויפן מחיים קיין מקום קבורה אפילו פאר געלט. אויב האט איינער פארלארן זיין מעמבערשיפ, פערליערט ער דערמיט אויך זיין זכות קבורה, אפילו ער האט באזונדער איינגעצאלט דערפאר, אזוי ווי עס איז איינגעפירט בקהלתינו הק' מיום הווסדה.

בייגעלייגט ליגט אן אפליקעישן וואס קען גענוצט ווערן הן אויף איינצורייכן פאר מעמבערשיפ מעיקרא ווי אויך פאר די וואס ווילען צוריק שטעלן זייער מיטגלידערשאפט לתוקפו אדער בלויז צו פארלאנגען א באשטעטיגונג פון קהל אז זייער מעמבערשיפ איז און קראפט. ביטע פילט אויס דעם אפליקעישן און שיקט עס צוריק אויף די פאסט אדער צום ספעציעלן פאקס נומער **718-865-0964**

פאר עווענטועלע פראגן, קענט איר זיך פארבונדען מיט אונזער אפיס.

**וויליאמסבורג 718-302-6720 עקסטענשען 207**

**קרית יואל 845-783-8180**

השי"ת יקבל תפלותינו לרחמים ולרצון ונזכה לשנה טובה ומבורכת, שנת גאולה וישועה בב"א.

בכבוד רב

**הנהלת הקהלה**

**בריוו ארויסגעשיקט געווארן צו אלע אנשי שלומינו פאר א יאר צוריק ווי קהל טוט ווידער באשטעטיגן די אלטע תקנה אז די זכות קבורה אין בביה"ח אין קרית יואל איז נישט אויטומאטיש פאר א יעדן מעמבער פון די קהילה**

**קהל יטב לב ד'סאטמאר**

**Cong. Yetev Lev D'Satmar**

**וויליאמסבורג • קרית יואל • בארא פארק • מאנסי**

ב"ה

ג' לסדר "לא תטה משפט" (שופטים), ב' אלול תשס"ח

# ויאמרו הנה יום הדין

שטייענדיג שוין נאנט צו די הייליגע טעג "ימים הנוראים תשס"ט הבעל"ט" א צייט וואס יעדער איד מאכט זיך א חשבון הנפש; מען איז מפשפש במעשים פונעם פארגאנגענע יאר און פון די פארגאנגענע יארן, איז אצינד די פאסיגע צייט ווידערצוהאלן אונזער בקשה מעומק הלב וואס מיר בעטן שוין אזויפיל יארן נאכאנאנד, מיט דער טיפער האפענונג אז "או אז יכנע לבבם הערל" און סוף כל סוף וועט אונזער ווי-געשריי דערהערט ווערן דורך די צו וועמען עס איז געווענדעט.

ליידער איז שוין דורך אזויפיל יאר וואס מיר שטייען און בעטן זיך ביי די כת וועלכע האבן זיך אפגעריסן פון אונזער קהלה "קהל יטב לב דסאטמאר" און האבן געכאפט נכסים שלא כדין, אז זיי זאלן שטעלן צו דין תורה כדת משה וישראל. אונזער בקשה איז אבער ליידער געפאלן אויף טויבע אויערן, און אפילו נאכן זיך בעטן מיט **117** הזמנות און בקשות איז אונזער פארשטענדליכער פארלאנג צוריקגעוויזן געווארן איינמאל און נאכאמאל.

ולא עוד אז מען איז נישט געקומען צו דין תורה, האבן די ראשים פון דעם כת אזוי מאנאווירט מיט פארשידענע דריידלעך און מאכנאכאציעס, אז דער סכסוך זאל אריינגעשלעפט ווערן אין גוי'שן געריכט, נאכדעם וואס מען האט זיך שוין ליידער אזוי צוגעוואוינט אז "אין דין ואין דיין" און אויף יעדע קלייניקייט ווענדט מען זיך גלייך צו די גוי'שע געריכטן, דורכן מסר'ן, אריינגעבן הארבע קלאגעס און ארעסטירן יחידים און יונגע בחורים אויף נער'ישע און גרונטלאזע סכסוכים, אן קיין שום היתר בעולם. ומדחי אל דחי האט מען זיך דערנאך דערקייקעלט צו גיין אין גוי'שע געריכטן אויך אין אנדערע מקומות איבער די וועלט.

כדרכו של יצר הרע אז "היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך עד שאומר לך עבוד עבודה זרה", האט מען ליידער אזוי טיף געזינקן אזש מען האט זיך נישט צוריקגעהאלטן פון זיך צו ווענדן צום ציוניסטישן געריכט, דער טריפה'נער בג"ץ רחמנא ליצלן, וואס אויסער דער עצם פורץ גדר זיין מיטן זיך ווענדן צום געריכט, איז דאס געטון געווארן נאך א שארפע התראה פונעם בד"ץ בראשות הגאון הגדול רבי נסים קארעליץ שליט"א, וואס דערויף האבן די שרי התורה חברי הבד"ץ שליט"א דער בית דין הגדול שבירושלים ארויסגעגעבן אן אזהרה חמורה מען זאל צוריקציען די קלאגעס פונעם בג"ץ. ליידער אבער האט עס גארנישט געהאלפן, והכי קרא שמם "כת מסרבים לדין העולמי" און "כת הולכים בערכאות העולמי".

דאס פנים פלאמט פאר בושה ביים הערן אזויפיל מאל, אז אין אלע גוי'שע געריכטן דאהי אין ניו יארק איז דער פסק אלץ געווען דאס זעלבע, אז די ריכטער אנערקענען אז דאס איז א אידישער סכסוך וואס דארף אנקומען דייקא צו אן אידישער בית דין, און די געריכטן קענען זיך דערין נישט אריינמישן. ליידער אבער, דאס וואס אפילו די גוי'שע ריכטער האבן פארשטאנען, פארשטייען נישט היימישע אידן, וועלכע טוען כל מה שביכלתם זיך ארויסצודרייען פון דעם אידישן פליכט ווען מען האט א סכסוך מיט א צווייטן, זיך צו שטעלן צו א "דין תורה" ביי א בית דין כשר בישראל המרוצה לשני הצדדים.

**דעריבער איז אונזער טיפער האפענונג, אז אצינד ווען מען האלט ווייטער פאר די ימים הנוראים אז די ראשים פון דעם כת וועלן זיך בארעכענען, און זיין גרייט זיך צו שטעלן צו דין תורה, דורכן אונז מודיע זיין וועמען זיי נעמען אויף אלס בורר, און אזוי ארום זאל דער סכסוך פארגעשטעלט ווערן פאר א בית דין כשר בישראל.**

**גלייכצייטיג מעלדן מיר נאכאמאל, אז אין פאל אונזער בקשה וועט נישט געאנטווארט ווערן אין די נאנטע טעג, וועלן מיר נישט האבן קיין ברירה, און זיך פירן ווי עס איז פארגעשריבן אין די שטאטוטן פון די קהלה, אז ווען א מעמבער פון די קהלה פירט זיך נישט אויפן תורה'דיגן וועג, האט אזא מעמבער נישט קיין זכות צו זיין קיין חבר אין די קהלה, און ווי עס ווערט טאקע גע'פסק'נט אין די פוסקים אז איינער וואס איז עובר אויף דת היהדות, טאר מען אים נישט מצרף זיין צו קיין שום דבר שבקדושה, דעריבער וועלן די אלע נישט קענען האבן קיין שום זכות אלס חבר אין די קהלה, מיט אלע זכותים און בענעפיטן וואס קומט דערמיט.**

מיר האפן אז אונזערע ווערטער וועלן דערהערט ווערן, וילמדו תועים בינה, ביז מיר וועלן שוין בקרוב זוכה זיין צו גיין קעגן גואל צדק ומלכינו בראשינו, אמן.

**בברכת כוח"ט**

**הנהלת הקהלה**

**בקשה פון קהל יטב לב דאטירט פרשת שופטים תשס"ח לפ"ק צום**

**כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני**

# דעת קדשו של רבן של ישראל
# מרן החתם סופר זי"ע

## בשו"ת יו"ד סי' שכט

אין א ענדליכן פאל ווען חברא קדישא האט פאר א קבורה פון א פרוי געבעטן פון איר מאן אז ער זאל קודם באצאלן זיין התחייבות פאר די קהלה, און דער מאן האט געהאט דערויף טענות, פארוואס מען נוצט אויס די געלעגנהייט פון זיין פרוי'ס פטירה ארויסצונעמען פון איהם זיין התחייבות, שרייבט דער חתם סופר זי"ע אינמיטן די תשובה בזה הלשון:

...כי אם יכירו בד"ץ הממוצע שלא היה לו רשות להפרד מהם, וגם יש להם רשות להטיל עליו מס כמקדם, א"כ ממילא מגיע להם סך מאה וחמישים זהובים ולקחו את שלהם, **ונע"י קבורת אשתו אנה אלהים לידם להציל את שלהם'** והלא פשוט דמי שאינו רוצה להכניס צאוורו בעול הציבור, שיכולין להחרימו ולנדותו, ויעיין בי"ד סי' רכ"ח סעי' ל"ג. ויכולים להחמיר ג"כ בשארי חומרות הנוגעים 'לבנו' ולאשתו, יעיין בסי' של"ד סעי' י"ו ובש"ך סקי"ט. **וא"כ מכ"ש הכא שלא עשו אלא להוציא את שלהם, ועביד איניש דינא לנפשיה במאי דפשיט ליה, מכ"ש הציבור שיש להם דין מוחזק.**

עכלה"ק

Cong. Yetev Lev
D'Satmar

קהל יטב לב
ד׳סאטמאר

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. 718-302-6720 • Fax. 718-486-2473

# בקשה

צום

## כת הולכים בערכאות העולמי ובג״ץ הציוני

# שטעלט אייך לדין תורה

## שרייבט אונטער ״שטרי בירורין״ ביי אן אומפארטייאישן בית דין אדער בזבל״א

והכל על מקומו יבוא בשלום

ראש חודש אלול תשס״ט לפ״ק

**הנהלת הקהלה**